ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# קידושין

בלשון הקודש ואידיש

**219**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת קידושין

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת קידושין

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.

ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

## מסכת קידושין פרק ראשון

בודקין את הזב. במאכל ובמשתה בחולי ובמשא בקפיצה ובמלאה ובהרהור שמא מחמת אונס ראה והאונס גרם. וטהור דרחמנא אמר מבשרו ולא מחמת אונס והאי כאונס גמור מטמאה כדאמר בפרק בנות כותים בשעה אומר כי יזוב זוב דמה כמי אונס ליטור :

(דף ב ע"ב) **א משנה** האשה נקנית בשלש דרכים וכו': **גמ'** מאי איריא דתני שלש ליתני שלשה משום דקא בעי למיתני דרך ודרך לשון נקבה הוא דכתיב (שמות יח) והודעת להם את הדרך ילכו בה ואלא הא דתניא בשבעה דרכים בודקין את הזב ליתני שבע משום דקבעי למיתני דרך ואשכחן דרך דאיקרי לשון זכר דכתיב (דברים כח) בדרך אחד יצאו אליך ובשבעה דרכים ינוסו לפניך א"ה קשו קראי אהדדי וקשיין נמי מתניתין אהדדי קראי אהדדי לא קשיין הכא דבתורה קאי ותורה איקרי לשון נקבה דכתיב (תהלים יט) תורת ה' תמימה משיבת נפש כתב לה בלשון נקבה התם דבמלחמה קאי ודרכו של איש לעשות מלחמה ואין דרכה של אשה לעשות מלחמה כתב לה בלשון זכר מתניתין אהדדי לא קשיין וכו':

**ב תניא** ר"ש אומר מפני מה אמרה תורה (דברים כב) כי יקח איש אשה ולא כתיב כי תלקח אשה לאיש מפני שדרכו של איש לחזור אחר אשה ואין דרכה של אשה

---

## פרק ראשון

**א משנה**. האשה נקנית בשלש דרכים. אווייב גיהער צום מאן דורך דריי ערליי זאכין. פרעגט דיא גמרא פאר וואס לערונט מען אין דער משנה שלש וואס דאס איז לשון נקבה. זאל מען לערנען שלשה וואס דאס איז לשון זכר. ענטפערט דיא גמרא ווייל ער וויל לערנען דעם ווארט דרך וואס דאס איז לשון נקבה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דו זאלסט זייא מאכין וויסען את הדרך ילכו בה. דעם וועג וואס זייא זאלין גיין אין איר. שטעלט ער שוין דעם ווארט שלש וואס דאס איז אויך לשון נקבה. פרעגט דיא גמרא דאס וואס מיר האבען גילערונט בשבעה דרכים בודקין את הזב. מיט זיבען זאכין פרובט מען אזב. דארף דאך שטיין בשבע. וואס דאס איז לשון נקבה. אבער ניט שבעה וואס דאס איז לשון זכר. ענטפערט דיא גמרא ווייל ער וויל לערנען דעם ווארט דרך וואס דאס איז לשון זכר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בדרך אחד יצאו אליך. מיט איין וועג וועלין זייא ארויס גיין צו דיר. אחד איז לשון זכר. ובשבעה דרכים ינוסו לפניך. און מיט זיבען וועגין וועלין זייא אנטלויפין פאר דיר. און שבעה איז לשון זכר. שטעלט ער שוין דיא אויך דעם ווארט שבעה וואס דאס לשון זכר. פרעגט דיא גמרא איז דאך אקשיא פון איין פסוק אויף דעם אנדערין. אין איין פסוק שטייט דרך לשון נקבה. און אין אנדערין פסוק שטייט דרך לשון זכר. און עס איז אקשיא פון איין משנה אויף דיא אנדערע. אין איין משנה שטייט דרך לשון נקבה. און אין דיא אנדערע משנה שטייט דרך לשון זכר. ענטפערט דיא גמרא דיא פסוקים איז קיין קשיא ניט. ווארום דרך איז לשון זכר און לשון נקבה. דער ערשטער פסוק שטייט בייא דיא תורה. און תורה איז לשון נקבה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק תורת ה' תמימה. דיא תורה פון גאט זיא איז גאנץ. משיבת נפש. זיא דער קוויקט דיא נשמה. דריבער רופט ער דעם ווארט דרך אויך לשון נקבה. און דער אנדערער פסוק וואס שטעהט בייא מלחמה. און דער שטייגער איז אזכר גייט אין דער מלחמה. אבער ניט אאשה. שטעהט מען דאך פון זכרים. דריבער רופט ער דעם ווארט דרך אויך לשון זכר. און דיא משנות איז אויך קיין קשיא ניט דיא משנה שטעהט פון אנקבה. רופט ער דעם ווארט דרך לשון נקבה. און דיא אנדערע משנה שטעהט פון אזב אזכר. רופט ער דעם ווארט דרך לשון זכר:

**ב** תניא. מיר האבען גילערונט רבי שמעון זאגט פאר וואס האט דיא תורה גזאגט או אמאן וועט נעמען אווייב. און עס שטייט ניט או אווייב וועט גינומען ווערין צו אמאן. ווייל דער

שטייגער

אשה לחזור על איש משל לאדם שאבדה לו אבדה מי חוזר על מי בעל אבדה מחזיר על אבדתו :

(דף ו) ג איבעיא להו מיוחדת לי מהו מיועדת לי מהו צלעתי מהו עוזרתי מהו נגדתי מהו עצורתי מהו סגורתי מהו תחתי מהו תפושתי מהו לקוחתי מהו פשוט מיהא חדא דתניא האומר לקחתי ה"ז מקודשת משום שנא' (דב"ים כג) כי יקח איש אשה איבעיא להו חרופתי מהו ת"ש דתניא האומר חרופתי מקודשת שכן ביהודה קורין לארוסה חרופה ויהודה הויא רובא דעלמא הכי קאמר האומר חרופתי מקודשת שנאמר (ויקרא יט) והיא שפחה נחרפת לאיש :

(ד' יב ע"ב) ד רב מנגיד על דמקדש בשוקא ועל דמקדש בביאה ועל דמקדש בלא שדוכי ועל דמבטל גיטא ועל דמסר מודעה אגיטא ועל

[אגדה . אחת מגלגוהין] : מיוחדת . לשון והיו לבשר אחד : מיועדת . לשון אשר לא יעדה בכיה לשון קידושין נגדתי : עוזרתי נגדתי . לשון אעשה לו עזר כנגדו : סגורתי . לשון ויסגור בשר תחתנה : עצורתי . לשון עצרת שהיא ליספת עמי בבית ורבותי אמרו לשון כי אשה עצורה לנו ולא נסירא דסבות עצורים ממנו קאמר דהא אחימלך אמר לו לדוד אם נשמרו הנערים אך מאשה ודוד אמר ליה אשה עצורה לנו והננו טהורים :

רב מנגיד כו'. מכה מרדות : ועל דמבטל גיטא . כשולם

---

שטייגער איז אמאן זוכט צוא נעמען אווייב . אבער א ווייב זוכט ניט צוא גינומען ווערין צו אמאן . דאס איז גליך וויא אמענטש פאר לירט אזאך . ווער זוכט ווידער . דער בעל הבית זוכט די זאך וואס פון אים איז פאר לארין גיווארין . אבער די זאך זוכט ניט זיא זאל צוריק קומען צוא איר בעל הבית . אונ די אשה איז דאך אויך פאר לארין גיווארין פון איר מאן . אזוי וויא עס איז גיוועזן ביי די ערשטע אשה חוה . גאט האט גינומען א ריפ פון אדמס ריפען ווען ער איז גישלאפען אונ ער האט גימאכט פון די ריפ אווייב . איז דאך די ווייב פאר לארין גיווארין פון מאן . דריבער זוכט דער מאן די ווייב . אונ די ווייב זוכט ניט דעם מאן :

ג איבעיא להו : די תלמידים האבען גיפרעגט . אז איינער זאגט צוא אאשה מיוחדת לי : דוא זאלסט זיין מיט מיר איינס . אדער ער זאגט צוא איר מיועדת לי . דוא זאלסט זיין אן גיבריים צוא מיר . אדער ער זאגט צוא איר צלעתי : דו ביסט מיין ריפ . אדער ער זאגט צוא איר עזרתי דוא זאלסט זיין איין הילף צוא מיר . אדער ער זאגט צוא איר נגדתי . דוא זאלסט זיין קעגין מיר . אדער ער זאגט צוא איר עצורתי . דוא זאלסט זיין אויף גיהאלטען ביי מיר . אדער ער זאגט צוא איר סגורתי . מיין פאר שלאסענע . דו זאלסט זיין פאר שלאסען ביי מיר : אדער ער זאגט צוא איר תחתי . דוא זאלסט זיין אונטער מיר . אדער ער זאגט צוא איר תפושתי : דוא זאלסט זיין בצוואונגען צוא מיר : אדער ער זאגט צוא איר לקוחתי . דוא זאלסט זיין גינומען צוא מיר . וויא איז דער דין . איז דאס קידושין אדער ניין . זאגט די גמרא איינס קענען מיר וויסען וויא דער דין איז . ווארום מיר האבען גילערנט אז איינער זאגט צוא אאשה לקוחתי . דוא זאלסט זיין גינומען צוא מיר . איז זיא מקודש צוא אים . ווייל אין פסוק שטייט אויך אזוי . כי יקח איש אשה : אז אמאן וועט נעמען אווייב . די תלמידים האבען גיפרעגט אז איינער זאגט צוא אאשה חרופתי . וויא איז דער דין : זאגט די גמרא מיר האבען גילערנט אז איינער זאגט צוא אאשה חרופתי . איז זיא מקודש צוא אים . ווארום אין יהודה רופט מען אויף א ארוסה חרופה . חרופה מיינט מען קידושין פרעגט די גמרא איז דען יהודה דאס מערסטע פון דער וועלט ווייל אין יהודה זאגט מען אויף קידושין חרופה . דריבער זאל זיין אין די גאנצע וועלט אז איינער זאגט צו אאשה חרופתי . זאל זיא זיין מקודש צו אים . ענטפערט די גמרא אזוי מיינט מען אז איינער זאגט צו אאשה חרופתי . איז זיא מקודש צו אים : ווארום עס שטייט אין פסוק והיא שפחה נחרפת לאיש . אונ זיא איז אשפחה וואס איז מקודש גיווארין צו אמאן . שטייט דאך אין דיא תורה אז חרופה איז דער טייטש קידושין :

ד רב פלעגט שלאגין מלקות דעם מענטש וואס איז מקדש אאשה אין גאס . אונ דעם וואס

ועל דמצער שלוחא דרבנן ועל דחלא שמתא עילויה תלתין יומין ועל חתנא דדייר בבי חמוה. דדייר אין חליף לא והא ההוא חתנא דחליף אבבא דבי חמוה ונגדיה רב ששת ההוא מידם הות דייפא ומתיה מיניה נהרדעי אמרי בכולהו לא מנגיד רב אלא על דמקדש בביאה בלא שדוכי וא"ד אפילו בשדוכי נמי משום פריצותא:

(דף יג) **הא אמר** רב יהודה אמר שמואל כל שאינו יודע בטיב גיטין וקדושין לא יהא לו עסק עמהן אמר רב אסי א"ר יוחנן וקשים לעולם יותר מדור המבול שנאמר (הושע ד) אלה וכחש ורצוח וגנוב ונאוף פרצו ודמים בדמים נגעו מאי משמע כדמתרגם רב יוסף מולדין בנין מנשי חבריהן חובין על חובין מוסיפין וכתיב (שם) על כן תאבל הארץ ואומלל

בועלה גם. לאחר זמן וחייב בעלית והו"ל גם שכתוב לך בטל הוא דלותא לא ידעי ליה אינשי דבטליה קודם שיגא לידה ושמא יתננו בשליח לאחר שבטלו וגבא הם: ועל דמסר מודעא אגיטא. כגון בגט המעושה בישראל דמודיע לעו על כפיה: דמצער שלוחא דרבנן. שהזמינו לדין מפי בדיינים והוא קם עליו ונסכו: ועל חתנא דדייר בבי חמוה. שמא יחשדו בה שהם המותר איכסה את חמותו דאמר מר סוף זכור באשת מחתנה כהלשון: מידם הוה דייפא. תשדוהמעו לשון דומה ובת דומה:

וקשים לעולם. דיינים המורים הוראה בעריות ואין בקיאים יותר מדור המבול: מאי משמע. תוספה דקשין לעולם דקאי על זאת תאבל הארץ: כדמתרגם רב יוסף. דהיים נקי בתרגום נביאים שתרגם יונתן בן עוזיאל דהאי פרצו דמים

---

וואס איז מקדש מיט בעילה. און דעם וואס איז מקדש אן שדוכים. נאר ער האט זיך בקענט מיט אשה האט ער גזאגט צו איר הרי את מקודשת לי. און יעם וואס איז מבטל אגט, איינער האט געשיקט אגט צוא זיין ווייב; דער נאך האט ער געזאגט דעם שליח און האט גזאגט צוא אים דער גט וואס איך האב דיר גיגעבן זאל ער זיין בטל. און דעם וואס איז מוסר מודעא אויף אגט. למשל מען האט גענייט ראובן ער זאל געבן זיין ווייב. איז ער גיגאנגען פאר דעם גט און האט גזאגט צו צווייא מענטשן איר זאלט וויסען דער גט וואס איך וועל דא געבן איז ער בטל. און דעם וואס האט מצער געוועזן דעם שליח פון בית דין. בית דין האבן געשיקט זייער שמש רופן איינעם צוא דין תורה. האט ער גישלאגן דעם שמש. און דעם מענטש וואס איז געווען אין חרם דרייסיג טאג. און ער האט נית גיזעהן אין די דרייסיג טעג מען זאל אים מתיר זיין דעם חרם. און דעם איידים וואס וואהנט ביא זיין שווער. די אלע מענטשן האט רב גישלאגן מלקות. פרעגט די גמרא דער איידים וואס וואהנט ביא זיין שווער האט מען אים גישלאגן מלקות. אבער אז ער וואהנט נית ביא זיין שווער, ער גייט נאר פארביא פאר דעם שווערס וואהנונג קומט אים נית קיין מלקות. עס האט דאך אמאהל גיטראפען אאיידים איז גיגאנגען פאר די טיר פון זיין שווערס וואהנונג. האט רב ששת אים גישלאגן מלקות, ענטפערט די גמרא אויף דעם איידים האט מען גירעט אז זיין שוויגער האט אים ליב דריבער האט מען אים נית גילאזט גיין פאר ביא זיין שווערס טיר טאמער וועט ער זיך זעהן מיט די שוויגער און וועט אריין גיין צו איר. די מענטשן פון נהרדעי זאגן אויף די אלע האט ער נית גישלאגן מלקות נאר דעם וואס איז מקדש מיט בעילה אן שדוכים. האט ער גישלאגן מלקות. אנדערע זאגן אפילו מיט שדוכים. נאר אז ער האט מקדש גיוועזן מיט בעילה. האט אים רב גישלאגן מלקות. ווייל דאס איז אפארשייטקייט:

**הא אמר** רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין דער וואס ווייס נית די דינים פון גטין און קדושין זאל ער זיך נית מישען צו זאגן אריין ביא גטין אדער ביא קדושין. רב אסי האט גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין די מענטשן וואס ווייסען נית די דינים פון גטין און קדושין. און מישען זיך ביא אגט אדער ביא קדושין. זייא זענען ערגער צו דער וועלט ווייא די מענטשן וואס זענען געווען אין דער צייט פון מבול. ווארום עס שטייט אין פסוק זיי שווערין און לייקענען הרגנען און גנבנען און מזנה זיין דאס האט זיך גישטארקט און בלוט צוא בלוט האט אנגערירט. וואס ווייזען מיר פון דעם פסוק. זאגט די גמרא אזוי וויא רב יוסף האט גיטייטשט דעם פסוק. מזנה זיין האט זיך גישטארקט מיינט מען זייא האבען קינדער פון זייער

חברים

ואמלל כל יושב בה בחית השדה ובעוף השמים וגם דגי הים יאספו. ואילו בדור המבול לא נגזרה גזרה על דגים שבים שנאמר (בראשית ז) מכל אשר בחרבה מתו ולא דגים שבים ואילו הכא אפילו דגים שבים ואימא עד דעביד לכולהו לא ס"ד דכתיב (ירמיה כג) כי מפני אלה אבלה ארץ אימא אלה לחוד וה"ה לחודייהו (ע"ב) מי כתיב ופרצו פרצו כתיב:

(דף כ) ו תניא ר' יוסי בר"ח אומר בוא וראה כמה קשה אבקה של שביעית. אדם נושא ונותן בפירות שביעית לסוף מוכר את מטלטליו שנאמר (ויקרא כה) בשנת היובל וגו' וסמיך ליה וכי תמכרו ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך דבר הנקנה מיד ליד לא הרגיש לסוף מוכר את שדותיו שנאמר (שם) כי ימוך אחיך ומכר מאחוזתו לא באת לידו עד

כדמים מעט באשה אלא קאי: פרצו, כמו וכן ישראל מולדין כמן: כי מפני אלה אבלה הארץ. בעלמא כתיב מיהו שמעינן מינה דאבל הדא קאמר על זאת תאבל הארץ דהא אלה הדא מהך דקרא (קאמר) [קמא הוא]: מי כתיב ופרצו. דמוסיף על ענין ראשון דליקום על (זאת) [כן] אמונה מילתא: פרצו כתיב. ומנאת נאפי נפשה היא ועלה נאמר כתיב על (זאת) [כן] האבל:

בשנת היובל הזאת. וכי תמכרו אם תמכרו ופירש מה שאסרתי לכם בו סופך למכור ממכריך וכל כלי ביתך: לא הרגיש. לא שם לב ו לפורעניות הבא עליו לחזור בו מעבירה שבידו גבי לא הרגיש גרסינן לסוף מוכר את שדותיו וגבי לא בא לידו גרסינן בתוספתא עד שמוכר והכי משמע לה סבא

---

חברים ווייבער. און בלוט צו בלוט האט אנגערירט מיינט מען ווייא מערין עבירות אויף עבירות. און עס שטייט אין פסוק דריבער טרויערט דיא ערד און עס ווערט פארשניטען אלע וואס זיצען אויף דיא ערד. די חיות פון פעלד די פייגלאך וואס פליהען אונטער דעם הימעל. און דיא פיש פון ים וועלין איין גינומען ווערין. דיא וועלין פיינערין. פאר דער עבירה פון מנה מין. און דער וואס ווייסט ניט דיא דינים פון גטין און קידושין און מישט זיך צו זאגין אדער ביא אגט אדער ביא קידושין. קען ער דאך מתיר זיין אשת איש. וועט ער דאך ברייגגען אזוי אשטראף אויף דער וועלט וואס ביא דעם מבול איז אזוי ניט גיוועזן. ווארום ביא דעם מבול איז אויף דיא פיש וואס אין ים קיין גזרה ניט גיוועזן. ווארום עס שטייט אין פסוק אלין וואס אויף דער טריקענעש איז גיפיגערט. אבער דיא פיש וואס אין ים זענען ניט גיפיגערט. און דא שטייט אפילו דיא פיש וואס אין ים וועלין פייגערין. פרעגט דיא גמרא טאמער קומט אנדערש ניט דער שטראף ביז מען טוהט אלע עבירות וואס אין דעם פסוק שטייט. אבער אויף מנה מין אלין קומט גאר ניט אזוי אשטראף. ענטפערט דיא גמרא עס קען ניט זיין ווארום עס שטייט אין פסוק פאר פאלש שווערין וועט טרויערין דיא ערד. זעהן מיר אז פאר יעדע עבירה בזונדער פון דעם פסוק וועט פארוויסט ווערין דיא ערד. און פאר מנה מין אלין אויך. פרעגט דיא גמרא טאמער פאר פאלש שווערין אלין וועט וויסט ווערין דיא וועלט. און פאר דיא איבעריגע עבירות פאר אלע צו זאמען וועט וויסט ווערין דיא וועלט. אבער ניט פאר איינע עבירה. ענטפערט דיא גמרא שטייט דען ופרצו. עס שטייט דאך פרצו. אז עס וואלט גישטאנען אלה וכחש ורצוח וגנוב ונאוף ופרצו. וואלט מען טאקי זאגין אז מען טוהט אלע עבירות צו זאמען ווערט פאר וויסט דיא וועלט. אבער מיט איין עבירה ניט. ווארום דער וא"ו פון ופרצו ציהט ארויף דעם ווארט צו דיא אלע פריערדיגע ווערטער. עס שטייט דאך אבער פרצו. דער ווארט פרצו גייט נאר אויף דעם ווארט ונאוף. ונאוף פרצו. זייא האבין זיך גשטארקט אין זנות. דיא האבין פיל מנה גווען צו ווייזין אז אויף דיא עבירה פון זנות אלין ווערט אויך וויסט דיא וועלט:

ו תניא. מיר האבען גילערנט רבי יוסי ברבי חנינא זאגט קום זעה וויא שווער עס איז דיא שטויב וויא קליינע עבירות פון שביעית פון שמטה. אז א מענטש האנדילט מיט דיא פירות וואס האבען גיוואקסין פון זיך אלין אום שמטה. ווערט ער גישטראפט ער זאל ארעם ווערין און זאל דארפין פארקויפין זיינע ווערטשאפט פון שטוב. ווארום עס שטייט אין פסוק אין דעם יאהר פון יובל. נאנט פון דעם פסוק שטייט אז איר וועט פארקויפין אפארקויפונג צו דיין חבר. אדער דו וועסט קויפין פון דיין חבר. דער פסוק מיינט אז דו וועסט ניט היטען דיא מצות פון

דעם

שמוכר את ביתו שנאמר (שם) כי ימכור בית מושב וגו' ומאי שנא התם דאמר לא הרגיש ומאי שנא הכא דאמר לא בא לידו כדרב הונא דאר"ה כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה וכו' נעשית לו כהיתר לא באת לידו עד שמוכר את בתו שנא' (שמות כא) וכי ימכור איש את בתו לאמה ואע"ג דבתו לא כתיב בהאי ענינא הא קמ"ל נזבין איניש ברתיה ולא נוזיף ברביתא מ"ט ברתיה מגרעא ונפקא והא מוספא ואזלא לא באת לידו עד שלוה ברבית שנא' (ויקרא כה) וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך וסמיך ליה אל תקח מאתו גו' לא באת לידו עד שמוכר את עצמו שנא' (שם) וכי ימוך אחיך עמך ונמכר לך לא לך אלא לגר שנא' לגר ולא לגר צדק אלא לגר תושב שנאמר גר תושב משפחת גר זה נכרי כשהוא אומר לעקר (ע"ג)

זה

פירוש: תנא ביה הלוי תשובה עד שבא לכל אלו : מ"ש דקתני לא הרגיש . דמשמע אם לא הרגיש כופו לבא לכך ולכולהו הנך לא יבאם לידו עד שמוכר דמשמע דפשיטא ליה לתנא דדרכו בכך דלא תבוא לידי שיטוב התשובה עד שיקבל עוד פורענות : אע"ג דבתו נמי ענינא לא כתיב . לדרוש ה סמיכת פרשה מ"מ כאיל ופרשת רבית סמוכה לפרשת ממכר בית אלא הדי שכבר מכר את בתו אם יש לו בת קטנה קודם שלוה ברבית דמהא ליה וכו' : וכי ימוך אחיך . הכל בסדר כמיכת פרשיות כוא דוכתו וכולן זו קשה משלפניה : שנאמר לגר . פרשה אחרת היא הסמוכה לממכר ופי' הסיג יד גר ותושב עמך גו' : זה

דעם יאהר פון שמטה אדער פון דעם יאהר פון יובל איר ווענט פאר קויפין וואס מען טאר ניט פאר קויפין וועסטו פאר קויפין דיינע זאכין פאר ארעמקייט. וועלכע זאכין דיא וואס ווערין גיגעבין פון איין האנט אין אנדערין האנט. דאס מיינט מען ווערט שאפט צירונג קליידער. דאס רופט מען מטלטלין. ווייל מען טראגט דאס פון איין ארט צום אנדערין ארט. אויב דער מענטש האט ניט געמערקט אז זיין ארעמקייט איז אים גיקומען פון דער עבירה פון שביעית: דריבער האט ער נאך ניט תשובה גיטאהן. וועט ער מוזין פארקויפין זיינע פעלדער אויך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיין ברודער וועט ארעם ווערין. וועט ער פארקויפין פון זיינע פעלדער. עס איז ניט גיקומען צו אים אטראכטונג תשובה צו טאהן ביז ער מוז פארקויפין דיא שטוב זיינע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז ער וועט פארקויפין אשטוב. פרעגט דיא גמרא פאר וואס פריער זאגט ער. ער האט ניט בעמערקט. זעהט אוים דער ווייל האט ער נאך ניט בעמערקט, אבער ער וועט נאך בעמערקין תשובה צו טאהן. דער נאך זאגט ער עס איז ניט גיקומען צו אים אטראכטונג תשובה צוא טאהן ביז ער פארקויפט זיין שטוב. זעהט אוים אז דאס איז אגעוויסע זאך אז ער וועט ניט תשובה טאהן ביז ער וועט אלץ פארקויפין. ענטפערט דיא גמרא דאס איז אזוי וויא רב הונא האט גיזאגט. אז א מענטש טוהט א עבירה איין מאהל. אונ ער טוהט דיא זעלביגע עבירה נאך אמאהל. איז דאס שוין בייא אים ניט קיין עבירה. נאר וויא מען מעג דיא זאך טאהן. דריבער וועט ער שוין געווים ניט תשובה טאהן. עס איז נאך ניט גיקומען צו אים אטראכטונג פון תשובה טאהן. ביז ער פארקויפט זיין טאכטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז א מענטש וועט פארקויפין זיין טאכטער צוא אדינסט. אפילו דיא טאכטער פארקויפין שטייט ניט אין דער פרשה פון שמטה. נאר ווייל ווייטער שטייט אז ער וועט בארגין געלט אונ צאהלין פראצענט. אונ דאס איז געווים אז ער האט שוין פריער פארקויפט דיא טאכטער. ווארום א מענטש זאל פארקויפין זיין טאכטער. אונ זאל נישט בארגין געלט אויף פראצענט. פאר וואס. ווארום אז ער פארקויפט זיין טאכטער ווערט דער חוב אלע מאהל קלענער. ווארום זיא ארבעט דאך פאר איהר געלט. ביז זיא גייט ארויס פריי. אבער אז מען בארגט אויף פראצענט ווערט דער חוב אלע מאהל גרעסער. עס איז נאך ניט גיקומען צוא אים אטראכטונג פון תשובה טאהן. ביז ער בארגט געלט אויף פראצענט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיין ברודער וועט ארעם ווערין שטייט נאנט צוא דעם פסוק דו זאלסט ניט נעמען פון אים פראצענט. עס איז נאך ניט גיקומען צו אים אטראכטונג פון תשובה טאהן. ביז ער פארקויפט זיך אליין פאר אקנעכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיין ברודער וועט ארעם ווערין אונ ער וועט פארקויפט ווערין צו דיר. אונ ניט נאר צו דיר וועט ער פארקויפט ווערין נאר צו אגר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לגר. אונ ניט צו אגר צדק

אאמתין

זה הנמכר לע"ז עצמה :

(דף כא . ויקרא כה) **ז וגאל** את ממכר אחיו רשות אתה אומר רשות או אינו אלא חובה ת"ל ואיש כי לא יהיה לו גואל וכי יש אדם בישראל שאין לו גואלים אלא זה שיש לו ואינו רוצה ליקח שהרשות בידו דברי ר' יהושע ר"א אומר וגאל את ממכר אחיו חובה אתה אומר חובה או אינו אלא רשות ת"ל (שם) ובכל ארץ אחזתכם גאולה תתנו הכתוב קבעו חובה :

(ע"ב) **ת"ר** (דברים כא) וראית בשביה בשעת שביה . אשת ואפילו אשת איש . יפת תואר לא דברה תורה אלא כנגד יצה"ר מוטב שיאכלו ישראל בשר תמותות שחוטות ואל יאכלו בשר תמותות נבלות. וחשקת אע"פ שאינה נאה. בה ולא בה ובחברתה. ולקחת ליקוחין יש לך בה . לך לאשה שלא יקח שתי נשים אחת לו ואחת לאביו אחת לו

שנמכר לע"ז עצמה : להטוב עצים ושאוב מים ולא לשם אלוה :

וכי יש לך אדם בישראל . משמעו אלא בארץ שאין לו גואלים מזרע יעקב כגון אחד מכל ישראל קרוב הוא קרוב לו : אלא זה שיש לו . גואלים אבל אין הגואל רוצה ליקח ולימדך הכתוב שהרשות ביד קרוב : חובה . ואשי כי לא יהיה לו גואל דריש בשאי אפשר ביד אחיו ליורשו לגאול ואין הגאולה מוטלת (עליו) אלא על הקרוב מן הכל :

יפת תואר . משמע מתוך שמתגרה בו יצרו מחמת יופיה התירה לו ונקטי אלא דמוטב שיאכלו ישראל בשר תמותות שחוטות בשר מסוכנת שחוטה ואע"פ שהיא מאוסה כדכתיב ביחזקאל ולא בא בפי בשר פגול : ולא יאכלו בשר המותות . נאמר שימותו ויהיו נבלות : תמותות . אמורטיי"ר : וחשקת . בחשקו תלה הכתוב ואפי' אינה נאה : ולא בה ובחברתה . שלא יקח שתים : ליקוחין יש לך בה . קדושין תופסין ואע"פ שהיא נכרית שגרי אינם מתגיירה מדעתה : לך . ולא לאחרים שלא יקחנה

---

אאמתין גרן וועט ער פארקויפט ווערין . נאר צו אגר תושב . דאס איז אגר וואס ער האט אויף זיך גינומען ער זאל ניט דינען עבודה זרה אבער צוא אלע זאכין איז ער אגוי . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לגר תושב . דער נאך וועט ער פארקויפט ווערין צו דיא משפחה פון גר . דאס איז צוא דיא גוים . אז עס שטייט אין פסוק לעקר . מיינט מען ער וועט פארקויפט ווערין צו בעדינען דיא עבודה זרה אליין :

**ז** וגאל . דער דין איז אז איינער (המשל ראובן) האט פאר קויפט אשטוב אדער אפעלד . ווייל ער איז ארעם . דארף זיינער אברודער אדער דער נענטעסטער פון זיין משפחה אויס לייזין וואס ער האט פאר קויפט . אויב ער וויל . אבער אז ער וויל ניט לייזט ער ניט אויס . פרעגט דיא גמרא דוא זאגסט ער לייזט אויס אויב ער וויל . טאמער האט דיא תורה גימיינט ער מוז אויס לייזין . שטייט אין פסוק אויב אמענטש וועט ניט האבען ווער עס זאל אויס לייזין . איז דאך אקשיא איז דען דא איוד וואס האט ניט ווער עס זאל אויס לייזין זיין פעלד . נאר מען מיינט ער האט ווער עס זאל אויס לייזין . נאר ער וויל ניט . אונ אז ער וויל ניט קען מען אים ניט נייטין . אזוי זאגט רבי יהושע . רבי אליעזר זאגט ער מוז אויס לייזין . פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסטו אז ער מוז . טאמער נאר אז ער וויל . שטייט אין פסוק אין דער גאנצער לאנד וואס איר האט גיירשת זאלט איר געבין אאויס לייזונג . האט דער פסוק גימיינט מען מוז אויס לייזין : אונ וואס עס שטייט אויב ער וועט ניט האבען קיין אויס לייזער . מיינט מען דער אויס לייזער וועט אויך זיין ארעם אונ וועט ניט האבען קיין געלט אויס צו לייזין :

**ת** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק וראית בשביה . דוא וועסט זעהן צווישען דיא מענטשין וואס דוא האסט גיפאנגען . ווען דוא וועסט פאנגען . וועסטו זעהן אשת . אווייב . אפילו זיא האט אמאן . יפת תואר . אשיינע . ווארום דיא תורה הט גירעט נעגין יצר הרע . ווייל זיא איז אשיינע דריבער רעט אים אן דער יצר הרע צוא איר : ווארום עס איז בעסער איוד זאל עסין גיפיגערטע פלייש גישאכטענע . אונ ער זאל ניט עסין גיפיגערטע פלייש נבלות . דריבער איידער ער זאל מיט איר מזנה זיין ווען זיא איז אגויה . איז בעסער ער נעמט איר צוא זיך אהיים אונ איז איר מגייר אונ נעמט איר פאר אווייב . וחשקת דוא וועסט גלוסטין צוא איר אפילו זיא איז ניט קיין שיינע . בה . אין איר וועסטו גלוסטין . נאר איינע מעג ער נעמען . אבער ניט אז ער וועט גלוסטין צוא צוויא . צוא איר אונ צוא איר

לעורך לאחרים כגון אביו : שלא ילחצנה במלחמה . לבא עליה : סומר . גרור המרגליות וגרור הכותם שלא בגולר להכשיט :

לו ואחת לבנו . והבאתה מלמד שלא ילחצנה במלחמה :

**ט ת"ר** (דברים טו) כי טוב לו עמך במאכל עמך במשתה שלא תהא אתה אוכל פת נקיה והוא אוכל פת קיבר אתה שותה יין ישן והוא שותה יין חדש אתה ישן על גבי מוכין והוא ישן ע"ג התבן מכאן אמרו חכמים הקונה עבד עברי כקונה ארון לעצמו (ע"ב) (שמות כא) ורצע אדוניו את אזנו במרצע וגו' ר' יוחנן ב"ז היה דורש מקרא זה כמין חומר מה נשתנה אוזן מכל האברים שבגוף אמר הקב"ה אוזן ששמעה קולי על הר סיני (ויקרא כה) כי לי בני ישראל עבדים ולא עבדים לעבדים והלך זה וקנה אדון לעצמו ירצע (בה) (שמות כא) (והגישו אל הדלת וגו') ר"ש [ב"ר] היה דורש את המקרא הזה כמין חומר מה נשתנו דלת ומזוזה מכל כלים שבבית אמר הקב"ה דלת ומזוזה שהיו עדים במצרים בשעה שפסחתי על המשקוף ועל שתי המזוזות ואמרתי כי לי בני ישראל עבדים ולא עבדים לעבדים והוצאתים מעבדות לחירות והלך זה וקנה אדון לעצמו ירצע בפניהם :

ת"ד

---

חברתה . ולקחה : אז ער איז איר מקדש מיט גוטע קדושין . לך לאשה . צו דיר פר א ווייב . ער זאל ניט געבען צוויא ווייבער אייניע פאר זיך אונ אייניע פאר זיין פאטער . אדער אייניע פאר זיך אונ אייניע פר זיין זון . והבאתה דוא זאלסט איר ברייניגען אהיים . אבער ער זאל איר ניט צוא דריקען אין דער מלחמה . ער זאל ניט מזנה זיין מיט איר אין דער מלחמה :

**ט תנו רבנן** . דיא רבנן האבען געלערונט עס שטייט אין פסוק כי טוב לו עמך . עס איז אים גוט מיט דיר . דעם יודישען קנעכט וואס דוא האסט געקויפט איז אים גוט מיט דיר . ער זאל זיין מיט דיר אין עסין . ער זאל זיין מיט דיר אין טרינקען . דער יודישער קנעכט זאל עסין דאס זעלביגע וואס דער בעל הבית עסט . אונ זאל טרינקען דאס זעלביגע וואס דער בעל הבית טרינקט . עס זאל ניט זיין דער בעל הבית זאל עסין קלארע ברויט . אונ דער קנעכט זאל עסין שווארצע ברויט . דער בעל הבית זאל טרינקען אלטין ווייין . אונ דער קנעכט זאל טרינקען יונגען ווייין . דער בעל הבית זאל שלאפען אויף בעט געוואנט . אונ דער קנעכט זאל שלאפען אויף שטרוי . נאר זייא זאלין זיין ביידע גלייך . פון דאנען האבען דיא חכמים גיזאגט דער וואס קויפט איודישען קנעכט . קויפט ער אבעל הבית אויף זיך : אין פסוק שטייט דער בעל הבית זאל שטעכין דעם אויער פון זיין קנעכט מיט אהאל . זאגט דיא גמרא רבי יוחנן בן זכאי האט גידרשט דעם פסוק אזוי גוט אזוי וויא אבינטל בשמים . פאר וואס איז גיענדערט גיווארין דער אויער פון אלע גלידער פון דעם קנעכט . פר וואס שטעכט מען ניט קיין אנדר גליד נאר דעם אויער . נאר גאט האט גיזאגט דער אויער וואס האט גיהערט אויף דעם בארג סיני צוא מיר זענען דיא יודין קנעכט . אונ ניט זייא זאלין זיין קנעכט צוא קנעכט . אונ דער מענטש איז גיגאנגען אונ האט גיקויפט אבעל הבית אויף זיך אליין . דריבער זאל מען אים שטעכין דעם אויער . עס שטייט אין פסוק דער בעל הבית זאל צו פירען דעם קנעכט צוא דיא טיר אדער צוא דער מוזה . (מוזה מיינט מען דער אויסאק פון דיא טיר וואס דיא מוזה איז אויף דעם אן גישלאגין) אונ אויף דיא טיר אדער אויף דעם אויסאק זאל מען אים שטעכין דעם אויער . זאגט דיא גמרא רבי שמעון בר רבי האט גידרשט דעם פסוק אזוי גוט וויא אבינטול בשמים . פאר וואס איז גיענדערט גיווארין דיא טיר מיט דיא מוזה פון אלע כלים וואס אין שטוב . מען זאל אים שטעכין דעם אויער נאר אויף דיא טיר אדער אויף דיא מוזה . נאר גאט האט גיזאגט דיא טיר אונ דיא מוזה וואס זענען גיוועזן עדות אין מצרים ווען איך האב איבער גיהיפט אויף דעם משקוף מיט ביידע מוזות וואס איד האט דארטין גיוואוהנט . אונ זייא זענען געבליבען לעבין . אונ איך האב גיזאגט צוא מיר זענען דיא יודין קנעכט . ניט זייא זאלין זיין קנעכט בייא קנעכט . אונ איך האב זיי אויס

גיצייגען

(דף כד ע"ב) ת"ר הכהו על עינו וסמאה על אזנו וחרשה עבד יוצא בהן לחירות כנגד עינו ואינו רואה כנגד אזנו ואינו שומע אין עבד יוצא בהן לחירות אמר רב שמן לרב אשי למימרא דקלא לאו כלום הוא והתני רמי בר יחזקאל תרנגול שהושיט ראשו לאויר כלי זכוכית ותקע בו ושברו משלם נזק שלם ואמר רב יוסף אמרי בי רב סוס שצנף והמור שנער ושברו כלים בתוך הבית משלמים חצי נזק א"ל שאני אדם דכיון דבר דעת הוא איהו מבעית נפשיה כדתניא המבעית את חבירו פטור מדיני אדם וחייב בדיני שמים כיצד תקע באזנו וחרשו פטור אחזו ותקע באזנו וחרשו חייב:

(דף כה) יא סבי דנזוניא לא אתו לפרקיה דרב חסדא א"ל לרב המנונא זיל צנעינהו אזל אמר להו מ"ט לא אתו רבנן לפירקא א"ל (מאי) [אמאי] ניתי דבעינן מיניה מילתא ולא פשט לן א"ל מי בעיתו מינאי מידי ולא פשטינא לכו בעו מיניה

כנגד עינו. שהכה לכותל והבעיתו. מקול שהוא רואה או נתחרש: ושברו. בקול: משלם נזק שלם. כצומצום מוקמינן לה בב"ק דאמר בהמה שהזיקה בצרורות משלם נזק שלם: ושברו את הכלים. בקולם: חצי נזק. כדין צרורות לרבנן דפליגי עליה דסומכוס בב"ק ואמרי אינו משלם אלא חצי נזק צרורות: שאני אדם דבר דעת הוא. כלי אינו מזיק וכי מיבעית מדעתיה קמיבעית שמתוך לבו לא שמע קול כבא ספתאום:
סבי דנזוניא. שם מקום: זיל צנעינהו. תאמר אליהם להכניע ולישב בכיוס וזה לשון נדוי לפ"ם כדאמרינן בב"ק נאמר לו דקך רצוד הכנע וגו׳

---

געציינען פון קנעכט צו זיין פריי. אונ דער מענטש איז גטאנגען אונ האט געקויפט אבעל הבית אויף זיך אליין. דריבער זאל מען אים שטעכין דעם אויער פאר דיא טיר אונ פאר דיא מזוזה:

י תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט אז איינער האט געקויפט אגוישען קנעכט אונ ער האט אים געשלאגין אויף זיין אויג. אונ ער האט זיא בלינד גימאכט. אדער ער האט אים געשלאגין אויף זיין אויער אונ ער האט זיא טויב גימאכט. גייט דער קנעכט ארויס פריי. אבער אז ער האט אים געשלאגין געגין אויג. אונ ער איז בלינד געווארין. אדער ער הט אים געשלאגן געגין אויער אונ ער איז טויב געווארין. למשל ער האט אקלאפ גיטאהן אויף אוואנט אונ פאר שרעק פון דעם קלאפ איז ער בלינד געווארין אדער טויב געווארין גייט ניט ארויס דער קנעכט פריי. האט רב שמן גיזאגט צו רב אשי וועלן מיר זאגין אז מען טוהט אשאדין מיט דעם קול דארף מען ניט בצאהלען. בבי בר יחזקאל האט דאך געלערנט אז אהאן האט ארין געשטעקט דעם קאפ אין אגלעזערנע כלי: אונ האט אקריי גיטאהן אין דיא כלי אונ דיא כלי איז צוא בראכען געווארין. דארף דער בעל הבית פון האן בצאהלען אגאנצען שאדין. אונ רב יוסף האט געזאגט מען האט געזאגט ביי רב. אז אפערד האט אגעשריי גיטאהן אדער אאייזיל הט אגעשריי גיטאהן אונ דורך דעם געשריי זענען צו בראכען געווארין כלים אין שטוב. דארף דיער בעל הבית בצאהלען אהאלבין שאדין. זעהן מיר דאך אז מען טוהט אשאדין מיט אקול דארף מען בצאלען. האט רב אשי געזאגט ביי אמענטשין איז אנדערש ווייל ער האט שכל זיך אפ צוא האלטען אונ ניט צוא שרעקין. אז ער שרעקט יא. איז ער זיך אליין שולדיג. דריבער דארף מען אים ניט בצאהלען. אזוי וויא מיר האבען געלערנט אז איינער דער שרעקט זיין חבר. בית דין קענען אים ניט שולדיג מאכען. גאר גאט שטראפט אים. וויא אזוי איז גיווען. אז ער הט אגעשריי גיטאהן צוא זיין חבר אין אויער. אונ ער איז טויב געווארין. דארף ער אים ניט בצאהלען. אבער אז ער הט אן גינומען זיין חברס אויער אונ הט אגעשריי גיטאהן אין זיין אויער. אונ ער איז טויב געווארין. דארף ער בצאהלין:

יא סבי. די אלטע לייט פון נזוניא זענען ניט גיקומען צוא דיא דרשה פון רב חסדא. האט רב חסדא גזאגט צוא רב המנונא גייא בעהאלט זייא וואג זייא זייא זאלין זיצען אין דער היים. דאס הייסט זייא זאלין זיין אין חרם. איז רב המנונא גיגאנגען צוא זייא אונ האט ביי זייא גיפרעגט פאר וואס זענט איר ניט גיקומען צוא דער דרשה. האבען זייא גזאגט פאר וואס זאלין מיר יא קומען מיר האבען גיפרעגט ביי אים אזאך. אונ ער האט אונז ניט גיענטפערט.

האט

מניה עבד שסרסו רבו בביצים מהו כמום שבגלוי דמי או לא לא הוה בידיה א"ל מה שמך אמר להו המנונא א"ל לאו המנונא אלא קרנונא אתא לקמיה דרב חסדא אמר ליה כתניתא בעו מינך דתנן כ"ד ראשי איברים שבאדם כולן אינן מטמאין משום מחיה ואלו הם ראשי אצבעות ידים ורגלים וראשי אזנים וראש החוטם וראש הגויה וראשי דדים שבאשה רבי יהודה אומר אף שבאיש ותני עלה בכולם עבד יוצא בהם לחירות רבי אומר אף הסירוס בן עזאי אומר אף הלשון:

(דף כט ע"ב) **יב** ת"ר הוא ללמוד ובנו ללמוד הוא קודם לבנו ר' יהודה אומר אם בנו זריז ומוצלח ותלמודו מתקיים בידו בנו קודם כי הא דרב יעקב בריה דרב אחא בר יעקב שדריה אבוה לקמיה דאביי כי אתא חזייה דלא הוה מחדדן שמעתיה

נכיתן: כמו מום בגלוי דמי. שהרי אלוים נכים ונכרים בחוץ או לא כוליל וטמונים בחוך כנים: קרנונא. יושב קרנות אתה ולא בעל הורה: מתניתא בעו מיך. גרסינן דמכרייתא דהני עלה דמתניתין ר' אומר אף הסירוס יליף לה: אין מטמאין משום מחיה. כם אחד מן הנגעים כדכתיב ומחית בשר חי בשאת וכתיב בה לכל מראה עיני הכהן שתהא כולה נראית כאחד פרט למהיה שהיא במקום משופע ויורד לכל צד שאין יכול לראות ראש הנגע ורגליו כאחת: וראשי אזנים. בפת האוזן: ראש הגויה. גיד: וראשי דדים שבאשה. אבל שבאיש אינם בולטין כ"כ ואין זה משופע: לחירות. דכולם אם קצצו לו רבו מום בגלוי הוא ואינו חוזר: רבי אומר אף הסירוס מוסיף על אלו לענין עבד ובן עזאי לא אצטריך ליה דרבו למנות בתוספת דבהדיא כתיב חיל פרי כי רב הוא והת"ק לא פליג בהא: אף הלשון. בדרכו לראותו כשהוא מדבר ומום שבגלוי הוא: אם היה בנו זריז והאב רואה ביגלית ממנו ואין לו כיפוק נכסים שילמדו שניהם ילמוד בנו והוא

האט רב המנונא צוא זייא גזאגט האט איר דען בייא מיר גיפרעגט אזאך אונ איך האב איך ניט גיענפערט. האבען זייא ביי רב המנונא גיפרעגט אקנעכט וואס דער בעל הבית הט אים אויס געשניטען זיינע אייער. וויא איז דער דין: הייסט דאס אפענטליכער פעלער. ווייל מען דער קענט פון אויס ווייניג אז דיא אייער פעלן ביי אים: אדער דאס הייסט אבעהאלטענער פעלער. ווייל דיא אייער זענען גיוועזען בעהאלטען אין ביטיל: האט רב המנונא ניט געוואוסט צו ענטפערן. האבען זייא גיפרעגט ביי אים וויא איז דיין נאמען. האט ער גזאגט מיין נאמען איז המנונא. האבען זייא גזאגט צו אים דיין נאמען איז ניט המנונא. נאר קרנונא. ווייל דו ביסט אפראסטער מענטש אונ ניט קיין למדן. דער נאך איז רב המנונא גיקומען פאר רב חסדא. אונ האט אים דער ציילט וואס מען האט ביי אים גיפרעגט. האט רב חסדא גזאגט צוא רב המנונא מען האט ביי דיר גיפרעגט אזוי אזאך וואס עס שטייט אין אברייתא. וואראום מיר האבען גילערנט דיא שפיצען פון פיר אונ צוואנציג גלידער וואס זענען דא אין אמענטשין. זענען נישט מטמא אויב אויף זייא איז דא ווילד פלייש. דאס זענען זייא. דיא שפיצען פינגער פון דיא הענט אונ פון דיא פיס. אונ דער בערג פון אייער. אונ דער שפיץ נאז. אונ דער שפיץ פון דיא מילה. אונ דיא שפיצען בריסט פון אנקבה. רבי יהודה זאגט מיר דארפין רעכענען דיא שפיצען בריסט פון אזכר אויך. אונ מיר האבען גילערנט אז אבעל הבית שניידט אפ בייא זיין גוישען קנעכט איינעם פון דיא פיר אונ צוואנציג גלידער. גייט ארויס דער קנעכט פרייא. רבי זאגט אז דער בעל הבית שניידט אויס דיא אייער פון זיין גוישען קנעכט: גייט ער אויך ארויס פרייא. בן עזאי זאגט אז דער בעל הבית שניידט אפ דעם צונג פון זיין גוישען קנעכט. גייט ער אויך ארויס פרייא:

**יב** תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט אז ער בארף דינגען אמלמד פאר זיך צום לערנען. אונ בארף דינגען אמלמד פאר זיין זוהן צוא לערנען. אונ צווייא מלמדים קען ער ניט דינגען. איז ער פריער פאר זיין זוהן. זאל ער דינגען אמלמד פאר זיך. רבי יהודה זאגט אויב דער פאטער זעהט אז דער זוהן וועט לערנען וועט ער זיין אלמדן. אגרעסערער פאר אים. זאל ער דינגען אמלמד פאר זיין זוהן. אזוי וויא רב אחא בר יעקב האט געשיקט זיין זוהן רב יעקב פר אביי ער זאל בייא אים לערנען תורה. אז רב יעקב איז גיקומען פון אביי צוריק צום פאטער. האט דער פאטער גיזעהן אז זיינע לערנונג איז ניט מיט אשארפין שכל: האט דער פאטער גזאגט צום זוהן איך בין בעסער צום לערנען וויא דוא. זיץ דוא אין דער היים אונ איך וועל גיין צוא אביי

לערנען

שמעתיה א"ל אנא עדיפנא סמך תוב את ואיזיל אנא שמע אביי דקא הוה אתי הוה ההוא מזיק בי רבנן דאביי דכי הוו עיילין תרין אפילו ביממא הוו מתזקי אמר להו לא ליתיב ליה איניש אושפיזא אפשר דמתרחיש ניסא על בת בההוא בי רבנן אידמי ליה כתנינא דז' רישוותא כל כריעה דכרע נתר חד רישא אמר להו למחר אי לא אתרחיש ניסא סכנתין :

יג אמר רב יהודה אמר שמואל הלכה נושא אדם אשה ואח"כ לומד תורה ר' יוחנן אמר ריחים בצוארו ויעסוק בתורה ולא פליגי הא לן והא להו :

יד משתבח ליה רב חסדא לרב הונא בדרב המנונא דאדם גדול הוא א"ל כשיבא לידך הביאהו לידי כי אתא חזייה דלא פריס סודרא אמר לו מאי טעמא לא פריסת סודרא אמר לו דלא נסיבנא והדרינהו לאפיה מיניה אמר לו חזי דלא חזית להו לאפאי עד דנסבת

רב

יטריח אחר מזונות ויספיקם : בי רבנן . בהמ"ד רחוק מן הישוב היה : לא ליתיב ליה איניש אושפיזא לרב אחא ועל כרחו ילין בבית המדרש ומתוך חסידותו יעשה לו נס ויהרוג את המזיק : בת . לן : על. ככנס: אידמי ליה. מזיק : כתנינא דשבע רישי. שהיו לו ז' גולגולות : כל כריעה דכרע. רב אחא ה ומתפלל על אותו מזיק נתר חד רישא : סכנתין . סכנתם אותי :

נושא אשה. דהוי בלא הרהור ואחר כך הולך ולומד תורה : הא לן . בני בבל היו הולכין וגורסין משניות בתאים שבא"י ומתוך שלומדים חוץ למקומם אין צרכי הבית מוטלין עליו נושא אשה דהוי בלא הרהור ואחר כך הולך ולומד תורה : להו . לבני ארץ ישראל שלומדים במקומם אם נושא אשה יהיו צרכי הבית מוטלים עליו ויבטלוהו :

חזייה רב הונא לרב המנונא : דלא פריס סודרא : כדרך הנשואים שהיו רגילין לכסות ראשן :

---

לערנען ביי אים . האט אביי גיהערט אז רב אחא קומט צו אים . אין בית המדרש פון אביי איז געווען אמזיק באשר . אז צווייא מענטשין פלעגין אריין גיין אין בית המדרש אפילו ביא טאג . פלעגט ער זייא שאדין טאהן . האט אביי גזאגט צוא דיא מענטשין פון שטאט קיין מענטש זאל ניט אריין לאזין רב אחא נעכטיגען ביי זיך אין שטוב . וועט ער מוזין נעכטיגען אין בית המדרש . טאמער וועט זיך טרעפין אנס אז ער וועט הרגנן דעם מזיק . איז רב אחא אריין גיגאנגען אין בית המדרש אונ האט דארט גינעכטיגט . האט זיך דר מזיק פאר שטעלט ווייא אשלאנג מיט זיבען קעפ . ביא יעדער מאהל וואס רב אחא האט זיך איין גיבויגען פאר גאט אונ האט גיבעטין אויף דעם טויט פון דעם מזיק . איז אים אראפ גיפאלען איין קאפ . אויף מארגין האט רב אחא גזאגט צו דיא מענטשין פון שטאט . ווען מיר וואלט ניט גיטראפען דער נס דער מזיק זאל גיהרגת ווערין וואלט איר מיך גיבראכט אין אסכנה :

יג אמר . רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין דער דין איז פריער זאל אמענטש נעמען אווייב דער נאך זאל ער לערנען תורה . רבי יוחנן זאגט ער וועט האבען אמיל שטיין אויף זיין האלדז (צוא געבין עסין אווייב מיט קינדער) וועט ער קענען לערנען תורה . נאר פריער זאל ער לערנען תורה ; דער נאך וועט ער נעמען אווייב . זאגט דיא גמרא שמואל מיט רבי יוחנן קריגען ניט ; נאר דיא תלמידים פון בבל וואס גייען אוועק פון זייער ארט צוא לערנען תורה אין ארץ ישראל . זאלין פריער נעמען ווייבער . דער נאך זאלין זייא לערנען תורה . וואריום אז זייא וועלען ניטא אין דער היים . איז דאך אויף זייא ניטא קיין יאך פון דיא ווייב אונ קינדער . אבער די תלמידים פון ארץ ישראל ווייל זייא לערנען אין דער היים וועט אויף זייא זיין דער יאך פון ווייב אונ קינדער . דריבער איז בעסער פריער זאלין זייא לערנען תורה . דער נאך זאלין זייא חתונה האבען :

יד משתבח ; רב חסדא האט גילויבט פאר רב הונא אז רב המנונא איז אגרויסער למדן . האט רב הונא גזאגט צו רב חסדא אז רב המנונא וועט קומען צוא דיר שיק אים צוא מיר . אז רב המנונא איז גיקומען פאר רב הונא ; האט רב הונא גיזעהן אז רב המנונא גייט ניט מיט אטלית אויף דעם קאפ האט רב הונא גזאגט צוא רב המנונא פאר וואס גייסטו ניט מיט אטלית אויף דעם קאפ . האט רב המנונא גזאגט ווייל איך האב נאך ניט חתונה גיהאט . האט רב הונא אפ גיקערט זיין פנים פון רב המנונא . אונ רב הונא האט גזאגט צוא רב המנונא דו זאלסט

רב הונא לטעמיה דאמר בן עשרים שנה ולא נשא אשה כל ימיו בעבירה ס"ד אלא אימא כל ימיו בהרהורי עבירה. אמר רבא וכן תנא דבי רבי ישמעאל עד עשרים שנה יושב הקב"ה ומצפה לאדם מתי ישא אשה כיון שהגיעו עשרים שנה ולא נשא אומר תיפח עצמותיו של אותו האיש. א"ר חסדא האי דעדיפנא מחבראי דנסיבנא בשיתסר ואי הוה נסיבנא בארביסר (דף ל) הות אמינא לשטן גירא בעיניך. א"ל רבא לרב נתן בר אמי אדידך על צוארי דבריך משיתסר ועד כ"ב ואמרי לה מתמני סרי עד כ"ד כתנאי (משלי כב) חנוך לנער על פי דרכו ר' יהודה ור' נחמיה חד אמר משיתסר ועד כ"ב וח"א מתמני סרי ועד כ"ד:

הוה אמינא לשטן גירא בעיניך. כלומר הייתי מתגרה בו ושטן הוא יצה"ר ולא אירא שיחטיאני: אדידך על צוארי דבריך. בעוד ידך תקיפה על בנך קודם שיגדל ולא יקבל תוכחתך השיאהו אשה: משיתסר. שכבר הגיע זמן ליכנס ויותר מכ"ב אל תמתינו לא תהא ידך על צוארי דבריך בשעה שעוד ידך תקיפה עליו הוא והגיל ללמדו תוכחת ולאו זה זמנו משיתסר עד כ"ב בגיל משיתסר אין בו דעת לקבל תוכחה כל כך ואל הכביד יסורין ותוכחת ויותר מכ"ב יש להוש שלא יבעט וזה עיקר: ע"פ דרכו. דרך שכל ימיו יהא מתנהג בו חנוך לו כשתרגילהו ולפי היא נערותו ר' יהודה ור' נחמיה וכו': דשרי דיסנא אירישיה. סדין שלנו כחוי לעטיפת שלהם אלא כסוי בעלמא שם על ראשו שלא

**ט"ו** א"ר יהושע בן לוי כל המלמד את בן בנו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו קבלה מהר סיני שנא' (דברי' ד) והודעתם לבניך ולבני בניך וסמיך ליה יום אשר עמדת לפני ה' אלהיך בחורב. רבי חייא בר אבא אשכחיה לר' יהושע בן לוי דשדי דיסנא אירישיה וקא ממטי ליה לינוקא לבי כנישתא א"ל מאי כולי האי א"ל מי זוטרא מאי דכתיב והודעתם לבניך וסמיך ליה יום אשר עמדת לפני ה' אלהיך בחורב מכאן ואילך

רבת

---

ניט געזעהן מיין פנים ביז דוא וועסט חתונה האבען. ווארום רב הונא זאגט אז איינער איז אלט צוואנציג יאהר אונ ער האט נאך ניט חתונה געהאט. וועגען זיינע אלע טעג מיט עבירות. פרעגט די גמרא וויא אזוי מיט עבירות. נאר מען מיינט אז זיינע אלע טעג גייען אוועק מיט טראכטונג פון עבירות. ער טראכט פון ווייבער. רבא זאגט אונ דבי רבי ישמעאל האבען אויך אזוי געלערנט ביז צוואנציג יאהר ווארט גאט דעם מענטש ווען וועט ער נעמען א ווייב. אז ער איז אלט געווארען צוואנציג יאהר אונ האט נאך ניט גענומען קיין ווייב. זאגט גאט פאר פוילט זאלען ווערען די ביינער פון דעם מענטש. רב חסדא האט געזאגט דאס וואס איך קען בעסער לערנען פון מיינע חברים. ווייל איך האב חתונה געהאט דעם זעכצעהנטען יאהר, אונ ווען איך וואלט חתונה געהאט דעם פערצעהנטען יאהר וואלט איך געזאגט צום שטן אפייל אין דיינע אויגען, איך האב ניט מורא פאר דיר טאמער וועסטו מיך מאכען זינדיגען. רבא האט געזאגט צוא רב נתן בר אמי ווען דיין האנט איז נאך אויף דעם האלדז פון דיין זוהן. דהיינו דיין זוהן איז נאך יונג דוא קענסט אים בייטן צוא וואס דוא ווילסט. זאלסטו אים געבען א ווייב. דאס איז פון זעכצעהן ביז צוויא אונ צוואנציג יאהר. אנדערע זאגען פון אכטצעהן ביז פיר אונ צוואנציג. תנאים קריגען אין דעם. אין פסוק שטייט דוא זאלסט געוויינען דעם יונג אין זיין יוגענד ער זאל גיין אין גוטען וועג. אונ נאך זיין געוואונהייט וועט ער גיין זיין גאנצין לעבען אזוי. ווען הייסט דער יוגענד. רבי יהודה אונ רבי נחמיה קריגען. איינער זאגט פון זעכצעהן ביז צוויי אונ צוואנציג. אונ איינער זאגט פון אכטצעהן ביז פיר אונ צוואנציג:

**ט"ו** אמר. רבי יהושע בן לוי האט געזאגט דער וואס לערנט תורה מיט זיין איניקל. רעכענט אויף אים דער פסוק וויא ער אליין וואלט גענומען די תורה פון בארג סיני. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט מאכען וויסען די תורה צוא דיינע זיהן אונ צוא דיין זיהנס קינדער. וועט דאס זיין גערעכנט וויא דער טאג וואס דוא ביסט געשטאנען פאר גאט אויף דעם בארג סיני. רבי חייא בר אבא האט געטראפען צוא רבי יהושע בן לוי אז ער האט ארויף געלייגט אשטיקל פון אקלייד אויף זיין קאפ. אונ ער האט געפירט זיין קינד אין חדר. הט רבי חייא געזאגט צוא רבי יהושע וואס האסטו דיך אזוי געאיילט. דוא האבסט ניט צייט געהאט צוא געסען

רבה בר ר"ה לא טעים אומצא עד דמייתי ליה לינוקא בי מדרש'. ר'חיי' בר אבא לא טעים אומצא עד דמקרי לינוק' ומוספיה. א"ר ספרא משום ריב"ח מ"ד (דברים ו) ושננתם לבניך אל תקרי ושננתם אלא ושלשתם לעולם ישלש אדם שנותיו שליש במקרא שליש במשנה שליש בתלמוד מי יודע כמה חיי לא צריכא ליומי. לפיכך נקראו ראשונים סופרים שהיו סופרים כל אותיות שבתורה שהיו אומרים (ויקרא יא) וא"ו דגחון חציין של אותיות של ספר תורה (שם י) דרש דרש חציין של תיבות (שם יג) והתגלח הציין של פסוקים (תהלים פ) יכרסמנה חזיר מיער עי"ן דיער חציין של תהלים באותיות (שם עח) והוא רחום יכפר עון חציין דפסוקים:

אזיל בגלוי ראש ולא הספיק להתעטף בסודרו: מאי כולי האי. שמיהרת לצאת בלא עטיפה ההוגנת לך: לא טעים אומצא. בשר מעט בבקרים היו רגילין לטעום בבקר: עד דמקרי לינוקא ומוספיה. מהדר לו מה שקרא אתמול ומלמדו עוד פסוק יותר: אלא ושלשתם. מדלא כתיב ושניתם (אלא ושננתם) בב' נוני"ן ש"מ שישמיע אותו שתי פעמים ושינו ושלשתם) שישלישם: ליומי. ימי השבוע: לפיכך נקראו וכו'. מילתא באנפיה נפשיה היא: תלמוד. סברות וטעמי טעמיהן של משניות ולהבין במה משניות זו את זו: נקראו ראשונים סופרים. כדכתיב ומשפחות סופרים יושבי יעבץ: וא"ו דגחון. של הולך על גחון: ספר ממנו ממנין ספר תורה: יהיו מחודדין בפיך. שזור עליהם וחוק בתוכם: שאם ישאלך

**ט"ז** ת"ר חמשת אלפים ותתפ"ח פסוקים הויין ס"ת יתר עליו ספר תהלים שמונה חסר ממנו דברי הימים שמונה. ת"ר (דברים ו) ושננתם שיהיו דברי תורה מחודדים בפיך שאם ישאל לך אדם דבר אל תגמגם ותאמר אלא אמור לו מיד

---

צאהיטל אויף דיין קאפ נאר האסט בדעקט דיין קאפ מיט אשטיקל פון אקלייד אונ ביסט גילאפן מיט דיין קינד אין חדר. האט רבי יהושע גזאגט איז דען ווייניג וואס עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט מאכען וויסען דיא תורה צוא דיינע קינדער וועט דאס זיין גירעכנט וויא דער טאג וואס דוא ביסט גישטאנען פאר גאט אויף דעם בארג סיני. פון דער צייט אונ ווייטער פלעגט רבה בר רב הונא ניט עסין דאס קליינע שטיקל גיבראטענע פלייש. ביז ער פלעגט ברייגגען זיין קינד אין בית המדרש צום לערנען תורה. אונ רבי חייא בר אבא פלעגט ניט עסין דם קליינע שטיקל גיבראטענע פלייש. ביז ער האט גיחזרת מיט זיין קינד וואס ער האט מיט אים נעכטין גילערנט. אונ נאך צוא גילערנט אביסל נייע אויך. ווייער שטייגער איז גיוועזן צו עסין אין דער פריא אשטיקל פלייש גיבראטען אויף קוילין. רב ספרא הט גזאגט פון רבי יוסי ברבי חנינא וועגין עס שטייט אין פסוק ושננתם לבניך. דוא זאלסט ניט לייענען ושננתם, נאר ושלשתם. דו זאלסט לערנען מיט דיין קינד יעדער זאך דריי מאהל. אמענטש זאל איבריג צוא טיילען זיינע יאהרין אין דריי טייל. אדריטל יאהרין זאל ער לערנען תנ"ך. אדריטל יאהרין זאל ער לערנען משניות. אדריטל יאהרין זאל ער לערנען גמרא. למשל אמענטש לעבט זיבעציג יאהר. זאל ער לערנען ביז דריי אונ צוואנציג יאהר תנ"ך. ביז זעקס אונ פערציג יאהר משניות. אונ ביז זיבעציג יאהר גמרא. פרעגט דיא גמרא ווייס דען אמענטש וויא לאנג ער וועט לעבין. טאמער לעבט ער נאר ביז דריי אונ צוואנציג יאהר. וועט ער נאר האבען גילערנט תנ"ך. ניט מער. אדער טאמער לעבט ער נאר ביז זעקס אונ פערציג יאהר וועט ער נאר האבען גילערנט תנ"ך אונ משניות, ניט מער. ענטפערט דיא גמרא מען מיינט דיא טעג זאל ער צוא טיילען. אלע טאג זאל ער לערנען אדריטל תנ"ך אדריטל משניות אדריטל גמרא. דיא גמרא זאגט דריבער ווערין גערופין די ערשטע תנאים סופרים. ווייל זייא פלעגין ציילען אלע אותיות פון דער תורה. זייא האבען גזאגט אז דער וא"ו פון דם ווארט גחון איז אהעלפט פון דיא אותיות וואס אין דער ספר תורה. דרש דרש איז אהעלפט פון דיא ווערטער וואס אין דיא ספר תורה. והתגלח איז אהעלפט פסוקים פון דיא ספר תורה. אין תהלים שטייט יכרסמנה חזיר מיער. דער עי"ן פון יער איז העלפט אותיות פון תהלים. והוא רחום יכפר עון איז העלפט פסוקים פון תהלים:

**ט"ז** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט פינף טויזענד אכט הונדערט אכט אונ אכציג פסוקים איז דא אין דער ספר תורה. אין תהלים איז דא אכט פסוקים מער. אין דברי הימים איז דא אכט פסוקים ווייניגער. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק ושננתם. דיא ווערטער

פון

אדם לא הסמך לעצמו . א לא שהכל לומר מיד : אמור לחכמה אחותי את. שתהא בקי בה כאחותך שאסורה לך א"נ מסיפא דקרא ומודע לבינה תקרא אחות ידועה לך : כחצים ביד גבור . שנלחם בהם עם אויביו כן בני הנעורים תלמידיו של אדם קרויין בניו כמ"ב הוקיה (ד"ה כט) בני אל תשלו ואומר הנה אנכי והילדים אשר נתן לי וגו' : אשר מלא את אשפתו מהם . משום דדמינהו לחצים נקט מלוי אשפה : את אויבים בשער . סיפא דאשרי הגבר כולה : נעשו אויבים . מתוך שמקשים זה את זה ואין זה מקבל דברי זה : את והב בסופה . בכי דרים על ספר מלחמות מלחמה בע"י כספר התורה יש בסופה : ובמתם . את דברי : כם תם . שלם שאינו חסר כום כלום : מה שהנאתך . כל מה שדעתך (נת) [טהב] כימנו ואסור דבש וכל מיני מתיקה שקשים

שנאמר (ע"ב) (משלי ז) אמור לחכמה אחותי את תרי ואומר (שם) קשרם על אצבעותיך כתבם על לוח לבך ואומר (תהלים קכז) כחצים ביד גבור כן בני הנעורים ואומר (שם מה) חציך שנונים ואומר (שם קכז) אשרי הגבר אשר מלא את אשפתו מהם לא יבשו כי ידברו את אויבים בשער מאי את אויבים בשער א"ר חייא בר אבא אפילו האב ובנו הרב ותלמידו שעוסקין בתורה בשער אחד נעשים שונאים זה את זה ואינם זזים משם עד שנעשים אוהבים זה את זה שנאמר (במדבר כא) את והב בסופה אל תקרי בסופה אלא בסופה :

ת"ר (דברים יא) ושמתם סם תם נמשלה תורה כסם חיים משל לאדם שהכה את בנו מכה גדולה והניח לו רטיה על מכתו ואמר לו בני כל זמן שהרטיה זו על מכתך אכול מה שהנאתך ושתה מה שהנאתך ורחוץ בין בחמין בין בצונן ואין אתה מתירא ואם אתה מעבירה הרי היא מעלה

---

פון דיא תורה זאלין זיין שארף אין דיין מויל . אויב אמענטש וועט דיך פרעגן אואך פון דער תורה זאלסטו ניט שטאמלען מיט דעם מויל . נאר זאלסט אים באלד זאגין באשר צו טרייף ; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאג צו דיא חכמה דו ביסט מיין שוועסטער . דו זאלסט וויסען אזוי קלאר דיא גאנצע תורה . וויא דו ווייסט קלאר אז דיין שוועסטער טאר ניט זיין דיין ווייב . נאך זאגט דער פסוק דו זאלסט אן בינדען דיא רייד פון דיא תורה אויף דיינע פינגער . דו זאלסט דיא אויף שרייבין אויף דעם טאחיל פון דיין הארץ . נאך זאגט דער פסוק אזוי וויא דיא פיילין וואס זענען אין דיא האנט פון אשטארקין מענטש אפילו זייא זענען ניט שארף קען ער אויך מיט זייא הרגען . אזוי זענען דיא יונגע יאהרין . וואס מען לערונט אין זייא תורה אפילו זיין שכל איז ניט אזוי שארף . פון דעסטוועגין ווערט ער אלמדן . נאך זאגט דער פסוק חציך שנונים . דיינע פיילין זענען שארף . אז דער מענטש איז אשטארקער אונ דיא פיילין זענען שארפע . געוויס אז ער הרגת מיט זייא זייער פיל . אזוי אז דער קינד איז יונג אונ האט אשארפין שכל . געוויס אז זיין תורה לערנען וועט האבען אקיום אויף איביג אונ ער וועט וויסען צוא ענפערין יעדער דין וואס מען וועט אים פרעגין . נאך זאגט דער פסוק וואהל דעם מענטש וואס ער האט אן געפילט זיין שייד מיט דיא פיילין זייא ווערין זיך ניט שעמען אז זייא ווערין ריידין מיט דיא פיינט אין טויער . וואס מיינט מען מיט דיא פיינט אין טויער . רבי חייא בר אבא זאגט אפילו אפאטער מיט זיין זוהן אונ ארבי מיט זיין תלמיד . וואס זייא לערנען תורה אין איין בית המדרש ווערין זייא פיינד איינער מיט דעם אנדערין ; ווארום דער זאגט באשר אונ דער זאגט טרייף . זייא גייען אבער ניט אוועק פון בית המדרש ביז זייא האבען ליב איינער דעם אנדערין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק את והב בסופה . זאלסט ניט לייענען בסופה . נאר זאלסט לייענען בסופה . פריער שטייט אין פסוק על כן יאמר בספר מלחמות ה' ; דריבער ווערט גזאגט עס איז אגטליכע מלחמה . דורך דער ספר התורה ; ואת והב בסופה . אין סוף ווערט ליבשאפט צווישען דיא מענטשין וואס האבען געקריגט :

ת"ר תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק ושמתם . סם תם . אגאנצער סם . דיא תורה איז געגליכען אזוי וויא אסם פון לעבין . דאס איז אמשל אמענטש האט אמאהל גישלאגין זיין זוהן אונ האט אים גימאכט אגרויסע מכה ; דער נאך האט ער אים געלייגט צפלאסטער אויף דיא מכה . אונ ער האט גזאגט צו אם מיין זוהן אזוי לאנג וויא דער פלאסטער וועט ליגען אויף דיא מכה . קענסטו עסין וואס דוא האסט ליב אונ מעגסט טרינקען וואס דוא

האסט

מעלה נומי כך הקב"ה אמר להם לישראל בני בראתי יצה"ר ובראתי לו תורה תבלין ואם אתם עוסקים בתורה אין אתם נמסרים בידו שנא' (בראשית ד) הלוא אם תיטיב שאת ואם אין אתם עוסקים בתורה אתם נמסרים בידו שנאמר (שם) לפתח חטאת רובץ ולא עוד אלא שכל משאו ומתנו בך שנאמר (שם) ואליך תשוקתו ואם אתה רוצה אתה מושל בו שנאמר (שם) ואתה תמשל בו:

מכבוד שמים. בשני פעמים ביום שחרית וערבית הלכך מי שעומד מפני רבו שחרית אין רשאי לעמוד מפניו אלא ערבית וכהנו בהו ס' דדין זה אנו נוהג אלא באותם סדרים נביא הבג דמסתמא עמדו שחרית וערבית אבל בהמגידים מתגים חייבים לעמוד אפי' ק' פעמים ביום אמא יתלה אחר ויתבדפ ולגי' אתה הדרים נביא ערב ומי אתה כלו פנים חדשות צריך לעמוד: וטוב לא יהיה לרשע. אין טוב אלא תורה שנא' כי לקח טוב אלמא תלמודו משתכח ולא יאריך ימים אלא כצל ומה טעם לפי שאינו ירא ומורא זו קימה היא כמדפרש יאו"ל:

פון זיין רבי דארף ניט זיין מער וויא דער כבוד פון גאט. ער גיט דאך כבוד צוא גאט אויך נאר איין מאהל אין דער פריא אונ איין מאהל פארין נאכט. אין דער פריא קריאת שמע אונ פארין נאכט קריאת שמע. רבי אלעזר זאגט דער תלמיד חכם וואס שטייט ניט אויף פאר זיין רבי. ווערט ער גירופען רשע. אונ ער וועט ניט לאנג לעבין. אונ ער וועט פאר געסין זיין לערנען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק טוב וועט ניט זיין דעם רשע. טוב מיינט מען די תורה. די תורה וועט ניט זיין ביי דעם רשע. אפילו ער וועט לערנן תורה. וועט ער זי פר געסין. אונ ער וועט ניט לאנג לעבין. ער וועט זיין אזוי ווי א שאטען. ווייל ער הט ניט מורא פר גאט. זאגט דיא גמרא איך ווייס ניט מיט וואס זאל ער מורא האבען. אז עס שטייט אין פסוק תקום ויראת. זאלסט אויף שטיין פאר א תלמיד חכם אונ זאלסט מורא האבען פאר גאט. זעהן מיר דער וואס שטייט אויף פאר א תלמיד חכם הייסט דאס ער האט מורא פאר גאט אונ דער וואס שטייט ניט אויף פר א תלמיד חכם. דאס הייסט ער האט ניט מורא פר גאט:

**לז** תניא. מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק איר זענט קינדער צוא אייער גאט. אז איר וועט אייך פירען אזוי וויא קינדער דארפין זיך פירען. וועט איר גערופין ווערין קינדער. אבער אז איר וועט אייך ניט פירען אזוי וויא קינדער דארפין זיך פירען. וועט איר ניט גערופין ווערין קינדער. אזוי זאגט רבי יהודה. רבי מאיר זאגט אפילו דיא יודין פירען זיך ניט וויא קינדער דארפין זיך פירען. הייסען זייא אויך קינדער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בנים סכלים המה. זייא זענען נארישע קינדער. נאך זאגט דער פסוק קינדער וואס אין זייא איז ניטא קיין גלויבונג. נאך זאגט דער פסוק קינדער שלעכטע קינדער פאר דארבער. נאך זאגט דער פסוק אונ עס וועט זיין אויף דעם ארט וואס עס פלעגט גזאגט ווערין צוא זייא איר זענט ניט מיין פאלק. וועט צוא זייא גזאגט ווערין איר זענט דיא קינדער פון דעם לעבעדיגען גאט. פרעגט דיא גמרא צוא וואס ברייגגט מען פיר פסוקים. ענטפערט די גמרא פון ערשטין פסוק וואלטין מיר מיינען נארישע קינדער ווערין גערופין קינדער. אבער קינדער וואס גלויבען ניט ווערין ניט גערופין קינדער. דריבער ברייגגט מען דעם אנדערין פסוק אפילו ווען זייא גלויבין ניט ווערין זייא אויך גערופין קינדער. וועלין מיר מיינען ווען זייא גלויבען ניט ווערין זייא גערופין קינדער. אבער אז זייא דינען עבודה זרה ווערין זייא ניט גערופין קינדער. דריבער ברייגגט מען דעם דריטען פסוק ווען זייא זענען שלעכטע קינדער אונ דינען עבודה זרה. רופט

מען

מיקרו בני מעליא לא מיקרי [ת"ש] ואומר והיה במקום אשר יאמר להם לא עמי אתם יאמר להם בני אל חי:

(דף לח) **לח כתיב** (שמות טז) ובני ישראל אכלו את המן ארבעים שנה עד בואם אל ארץ נושבת את המן אכלו עד בואם אל קצה ארץ כנען אי אפשר לומר עד בואם אל ארץ נושבת שכבר נאמר אל קצה ארץ כנען ואי אפשר לומר אל קצה ארץ כנען שהרי כבר נאמר עד בואם וגו' הא כיצד בז' באדר מת משה ופסק מן מלירד והיו מסתפקין ממן שבכליהם עד ט"ז בניסן. תניא אידך ובני ישראל אכלו את המן ארבעים שנה וכי מ' שנה אכלו והלא מ' שנה חסר ל' יום אכלו אלא לומר לך עוגות שהוציאו ממצרים טעמו בהם טעם מן. תניא אידך בז' באדר מת משה ובז' באדר נולד מנין שבז' באדר מת שנאמר (דברים לד) וימת שם משה עבד ה' וכתיב (שם) ויבכו בני ישראל את משה

**פירוש**

ופי' הימא כפלוג הוא דמתקריתום. כהאי גונא הוא בטוח הוא דמקרו בנים אבל כשהם רשעים דלית בהו הימנותא לא מיקרו בנים: מש"יהיה. דכתיב מ"ז כדכתיב הן תשתיהון ועשיתם פסל וגומר: פי' מעליא לא מיקרו. עוד לעולם: ת"ש. דהדרי איקרי בני אל חי על ידי תשובה:

אל ארץ נושבת. מעבר הירדן ואילך שהיא מושבת מארץ סיחון ועוג כדאשכחן במשה שהיה מתאוה ליכנס לה וקרו לה טובה: קצה ארץ כנען. בערבות מואב שהם מ מטה שהיא ארץ כאמורי ועל שפת הירדן שהוא קצה כניסת ארץ כנען: הכי ג'. כשהספקו מעוגות שהוציאו ממצרים דכתיב ויסעו מאילים ויבאו כל עדת בני ישראל אל מדבר סין אשר בין אילים ובין סיני בחמשה עשר יום לחדש השני וכתיב בתריה בשבתנו על סיר הבשר וגומר וכתיב הנני ממטיר לכם להם מן השמים אלמא בי"ו באייר המן התחיל לירד: ויבכו בני ישראל שלשים יום עמדו בערבות מואב לבכי ומשנלמוד יהושע

---

טען זיי אויך קינדער. וועלין מיר מיינען זייא ווערין גערופין שלעכטע קינדער. אונ זייא וועלין שוין קיין מאהל ניט גערופין ווערין גוטע קינדער. דריבער ברייננט מען דעם פערטין פסוק אז דיא יודין וועלין תשובה טאהן וועט זיין אויף דעם ארט וואס עס פלעגט גזאגט ווערין צו זייא. איר זענט ניט מיין פאלק. וועט צו זייא גזאגט ווערין איר זענט דיא קינדער פון דעם לעבעדיגען גאט:

**לח** כתיב. עס שטייט אין פסוק דיא יודין האבען גיגעסען דעם מן פערציג יאהר ביז זייא זענען גיקומען צוא אבעזעצטע לאנד. דעם מן האבען זייא גיגעסען ביז זיי זענין גיקומען צום עק לאנד כנען. זאגט דיא גמרא מיר קענען ניט זאגען אז זייא האבען גיגעסין דעם מן ביז זייא זענען גיקומען צוא אבעזעצטע לאנד. דאס איז אויף דיא אנדערע זייט ירדן. עס שטייט דאך אז זייא האבען גאר גיגעסין דעם מן ביז זייא זענען גיקומען צום עק לאנד כנען. דאס איז אויף דער זייט ירדן. אונ מיר קענען ניט זאגין אז זייא האבען גאר גיגעסין דעם מן ביז זייא זענין גיקומען צום עק כנען אויף דער זייט ירדן. ווארום עס שטייט דאך אז זייא האבען גיגעסין דעם מן ביז זייא זענין גיקומען צוא אבעזעצטע לאנד אויף דיא אנדערע זייט ירדן. וויא איז גיווען. דעם זיבעטין טאג אין חודש אדר איז גישטארבין משה האט אויף גיהערט צוא גיין דער מן. אין מואב אויף דער זייט ירדן. נאר פון דעם מן וואס זייא האבען גיקריגען דעם לעצטין טאג אונ זייא האבען אים אריין גילייגט אין זייערע כלים. פון דעם מן האבען זייא גיגעסין ביז דעם זעכצעהנטען טאג אין ניסן ווען זייא זענין שוין גיווען אין ארץ ישראל. זאגט דיא גמרא נאך אין אברייתא האבען מיר גילערנט עס שטייט אין פסוק די יודין האבען גיגעסין דעם מן פערציג יאהר. האבען זייא דען גיגעסין דעם מן פערציג יאהר: זייא האבען דאך גיגעסין דעם מן פערציג יאהר ווייניגער דרייסיג טעג נאר דער פסוק זאגט אונז אז דיא קוכנס וואס דיא יודין האבען מיט גינומען פון מצרים האבען גיהאט אזוי א טעם וויא דער מן: אונ דיא קוכנס פון מצרים האבען זייא גיגעסין דרייסיג טעג. פון פופצעהנטין טאג אין ניסן ביז דעם פופצעהנטין טאג אין אייר. נאך אין אברייתא האבען מיר גילערנט דעם זיבעטין טאג אין אדר איז משה גישטארבין: אונ דעם זיבעטין טאג אין אדר איז משה גיבארין גיווארין. פון וואנען ווייסען מיר אז דעם זיבעטין טאג אין אדר איז משה גישטארבין: ווארום עס שטייט אין פסוק משה דער קנעכט פון גאט איז דארט גישטארבין. אונ עס שטייט נאך אין פסוק דיא יודין האבען געוויינט אויף משה אין

משה [בערבות מואב שלשים יום] וכתיב (יהושע א) ויהי אחרי מות משה עבד ה' וכתיב (שם) משה עבדי מת ועתה קום עבור וגו וכתיב (שם) עברו [בתוך] [בקרב] המחנה וצוו את העם [לאמר הכינו לכם צדה כי בעוד שלשת ימים אתם עוברים את הירדן] וכתיב (שם ד) והעם עלו מן הירדן בעשור לחדש הראשון צא מכנו ל"ג ימים למפרע הא למדת שבז' באדר מת משה. ומנין שבז' באדר נולד משה שנא' (דברים לא) ויאמר אליהם בן מאה ועשרים שנה אנכי היום לא אוכל עוד לצאת ולבא שאין תלמוד לומר היום מה ת"ל היום (היום מלאו ימי ושנותי) מלמד שיושב הקב"ה וממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום ומחדש לחדש שנא' (שמות כג) את מספר ימיך אמלא:

להמיעם שהיו לה ג' ימים ובשלישי עברו את הירדן דכתיב בעוד שלשת ימים וכתיב בעשור לחודש הראשון: צא ל"ג למפרע. והם י' דניסן כ"ג דאדר ימפרע והוא ז' באדר ו' ימים עברו ממנו וכ"ג הרי כ"ט שאדר חסר הוה:

העושה מצוה אחת מפרש בגמ'. מטיבין לו. משמע בשני עננת: ונוחל את הארץ. חיי העוה"ב:

אלו דברים וכו'. הכי הוה דאוכל פירות והקרן קיימת אבל עשה מתניתא לא ותנן תנן מטיבין לו ונוחל את

(דף לט ע"ב) **לט משנה** כל העושה מצוה אחת מטיבין לו ומאריכין לו ימיו ונוחל את הארץ וכל שאינו עושה מצוה אחת אין מטיבין לו ואין מאריכין לו ימיו ואינו נוחל את הארץ: גמ. ורמינהו אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעוה"ז והקרן קיימת [לו] לעולם הבא אלו הן כבוד אב ואם וגמילות חסדים והכנסת אורחים והבאת שלום בין אדם לחבירו ות"ת כנגד כולם אמר רבי יהודה ה"ק כל העושה מצוה אחת יתירה

---

ערבות מואב דרייסיג טעג. אונ עס שטייט נאך אין פסוק אונ עס איז געוועזן דער נאך ווי משה דער קנעכט פון גאט איז געשטארבין חט גאט געזאגט צו יהושע משה מיין קנעכט איז געשטארבן אונ איצט שטיי אויף אונ גיי אריבער דעם ירדן. דאס יהושע געזאגט צוא דיא יודין גייט דורך אין דיא מחנה אונ איר זאלט געביטען דעם פאלק אונ איר זאלט אזוי זאגין איר זאלט אייך אן ברייטען שפייז ווארום נאך אין דריי טעג וועט איר אריבער גיין דעם ירדן. אונ דאס פאלק האט אזוי גיטאהן אונ זייא זענען ארויף גיגאנגען פון ירדן דעם צעהנטין טאג אין ערשטין חודש. אין חודש ניסן. רעכין אראפ פון צעהנטין טאג אין ניסן דריי אונ דרייסיג טעג צוריק. דרייסיג טעג פון וויינען. אונ דריי טעג פון אן ברייטין אריבער צוא גיין דעם ירדן. ועהן מיר אז דעם זיבעטין טאג אין אדר איז משה גישטארבין. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז דעם זיבעטין טאג אין אדר איז משה גיבארין גיווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק משה האט גזאגט צוא דיא יודין היינט בין איך אלט גיווארין הונדערט מיט צוואנציג יאהר איך קען שוין מער ניט ארוים גיין אונ אריין קומען: עס דארף ניט שטיין דערווארט היינט. צוא וואס שטייט דער ווארט היינט: צו לערנען אז גאט זיצט אונ דער פילט די יאהרין פון די צדיקים פון טאג צו טאג אונ פון חודש צוא חודש. אז ער זאל שטארבין דעם זעלביגען טאג וואס ער איז גיבארין גיווארין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דעם צאל פון דיינע טעג וועל איך דער פילען:

לט משנה. כל. דער וואס טוהט איין מצוה גיט מען אים טובות אויף דער וועלט. אונ מען דער לייגגערט אים זיינע טעג אויף דער וועלט. אונ ער ירשת דיא לאנד. דאס מיינט מען עולם הבא. אונ דער וואס טוהט ניט איין מצוה. גיט מען אים ניט קיין גוטס. אונ מען דר לייגגערט אים ניט זיינע טעג. אונ ער ירשת ניט דיא לאנד. פרעגט דיא גמרא מיר האבען גילערינט דאס זענען דיא זאכען וואס א מענטש עסט זייערע פירות אויף דער וועלט אונ דער קרן בלייבט שטיין אויף יענע וועלט. דאס זענען דיא זאכען. געבין כבוד צוא פאטער אונ מוטער. טאהן טובות צוא מענטשין. צוא געבין עסין אפרעמדין: נאמענטש וואס גייט דורך פון איין שטאט אין דיא אנדערע. אז מענטשין קריגען זיך איז א מצוה מען זאל מאכען שלום צווישען זייא. אונ תורה לערנען בשטייט געגין אלע מצות. זעהן מיר דאך אז ניט אויף אלע מצות גיט מען עולם הזה מיט עולם הבא. נאר אויף דיא פיר מצות. האט רב יהודה געזאגט אזוי מיינט דיא משנה דער וואס

יתירה על זכיותיו מטיבין לו ודומה כמי שמקיים כל התורה כולה מכלל דהנך אפילו בחדא נמי אמר רב שמעיה לומר שאם היתה שקולה מכרעת וכל העושה מצוה אחת יתירה על זכיותיו מטיבין לו ורמינהו כל שזכיותיו מרובין מעונותיו מריעין לו ודומה כמי ששרף כל התורה כולה ולא שייר ממנה אפילו אות אחת וכל שעונותיו מרובים מזכיותיו מטיבין לו ודומה כמי שקיים כל התורה כולה ולא חיסר אות אחת ממנה אמר אביי מתניתין דעבדין ליה יום טב ויום ביש רבא אמר הא מני ר' יעקב היא דאמר שכר מצוה בהאי עלמא ליכא :

דתניא

סלקא : מכלל דהכא לאפי' רובא נמי.. ואפילו לא קיים אלא מצוה בהמיה והא רובא עומדת הוא : שאם היתה שקולה מכרעת. הא דקתני אלו דברים במחצה עונות ומחצה זכיות קאמר ויש במחצה זכיות אתר אלא מכרעת את הכף כאילו הוי רובא זכיות ואינו צריך למצוה יתירה דמ"מ וכי ני' בה הדא מגני צריך למצוה יתירה : מריעין לו . בעוה"ז לנקותו מעונותיו ליטול שכר שלם : מטיבין לו . לשלם לו שכר מצותיו בחייו כדי לטורדו : מתניתין. דקתני מטיבין ומריעין : דעבדין ליה יום טב ויום ביש . מי שעושה מצוה יתירה דהוו רובא זכיות מתקנין לו בעוה"ז יום טוב שנפרעין ממנו עונותיו וזה תיקון יום טוב לו לעוה"ב . וכל שעונותיו מרובים מזכיותיו דקתני מריעין לו היינו דעבדין ליה הזמנה יום ביש שמשלמין לו שכר מצותיו כאן לזה מתוקן לו יום רע (והנה דיוק דקתני מטיבין לו לעוה"ב הוא דקאמר) : רבא אמר. לעולם כדאמרן מעיקרא מטיבין לו נשכר פירות וקרן קיימת וכן מתני' דקתני מריעין ר' יעקב היא :

שאין

האט ניהאט העלפט מצות אונ העלפט עבירות . דער נאך האט ער גיטאהן נאך איין מצוה (אונ אין דיא אלע מצות איז ניט גיוועזן איינע פון דיא פיערדיגע פינף מצות) . גיט מען אים גוטס אויף דער וועלט . אונ עס איז גלייך וויא ער וואלט מקיים גיוועזן דיא גאנצע תורה . פרעגט די גמרא ווערט אויס אז מען האט איינע פון דיא פינף מצות . אפילו מען האט מער גאר ניט קיין מצות . האט מען אויך גוטס אויף דער וועלט אונ עולם הבא . וויא אזוי קען דאס זיין . אז מען זאל האבען אזוי פיל עבירות אונ נאר דורך איין מצוה זאל מען האבען עולם הזה אונ עולם הבא . האט רב שמעיה גיזאגט אזוי מיינט מען . אז ער האט העלפט מצות אונ העלפט עבירות . אונ איין מצוה פון דיא העלפט מצות איז איינע פון די פינף מצות . האט ער עולם הזה אונ עולם הבא . אבער אז אין דיא העלפט מצות איז ניטא איין מצוה פון דיא פינף מצות . האט ער נאר עולם הבא אונ ניט עולם הזה . סיידן ער האט איין מצוה מער וויא דיא העלפט . גיט מען אים עולם הזה אונ עולם הבא . פרעגט דיא גמרא דער וואס טוהט איין מצוה מער וויא דיא העלפט מצות . גיט מען אים עולם הזה אונ עולם הבא . מיר האבען דאך ניט אזוי גילערנט . דער וואס האט מצות מער וויא עבירות גיט מען אים שלעכטס אויף דער וועלט . ער זאל אפ קומען זיינע עבירות אויף דער וועלט . אונ עס איז גלייך וויא ער וואלט פאר ברענט אגאנצע ספר תורה אונ ער וואלט פון איר ניט גילאזט אפילו איין אות . אונ דער וואס זיינע עבירות זענען מער וויא זיינע מצות . גיט מען אים גוטס אויף דער וועלט . מען בצאהלט אים אויף דער וועלט פאר זיינע מצות . צוא עולם הבא זאל ער נאר ניט האבען . אונ עס איז גלייך וויא ער וואלט מקיים גיוועזן די גאנצע תורה אונ ער וואלט ניט פאר פעלט איין אות . האט אביי גיזאגט דיא גאנצע משנה שמועסט נאר פון עולם הבא . אונ וואס עס שטייט אין דער משנה מען טוט אים גוטס . מיינט מען . מען טוהט אים שלעכטס אויף דער וועלט . אים זאל גוט זיין אויף יענע וועלט . אונ וואס עס שטייט מען טוהט אים ניט קיין גוטס . מיינט מען . מען טוהט אים ניט קיין גוטס אויף יענע וועלט . וואריום מען טוהט אים גוטס אויף דיא וועלט . אים זאל שלעכט זיין אויף יענע וועלט . דאס מיינט מען . מען מאכט אים אגוטען טאג אויף יענע וועלט . אדער מען מאכט אים א שלעכטן טאג אויף יענע וועלט . רבא זאגט מיר וועלן טאקי לערנען אין דיא משנה וויא מיר האבען פריער גילערנט . אז איינער האט מיט איין מצוה מער וויא העלפט . גיט מען אים גוטס אויף דער וועלט אונ אויף יענע וועלט . אונ וואס אין דער ברייתא שטייט אנדערש . אז איינער האט מצות מער וויא עבירות . גיט מען אים שלעכטס אויף דער וועלט . אזוי זאגט רבי יעקב . וואס ער זאגט אז אויף דיא וועלט גיט מען ניט שכר פאר מצות . נאר מען בצאהלט אלץ צוא עולם הבא דריבער שטראפט

מען

**מ דתניא** רבי יעקב אומר אין לך כל מצוה ומצוה שכתובה בתורה שמתן שכרה בצדה שאין תחית המתים תלויה בה בכבוד אב ואם כתיב (דברים ה) למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך בשלוח הקן כתיב (שם כב) למען ייטב לך והארכת ימים הרי שאמר לו אביו עלה לבירה והבא לי גוזלות ועלה לבירה ושלח את האם ונטל את הבנים ובחזרתו נפל ומת היכן טובות ימיו של זה והיכן אריכות ימיו של זה אלא למען ייטב לך לעולם שכולו טוב ולמען יאריכון ימיך לעולם שכולו ארוך ודלמא לאו הכי הוה ר' יעקב מעשה חזא ודלמא מהרהר בעביר"ה הוה מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה ודלמא מהרהר בע"ז הוה וכתיב (יחזקאל יד) למען תפוש את בית ישראל בלבם איהו נמי הכי קאמר אי ס"ד שכר מצוה בהאי עלמא אמאי לא אגן מצוה עליה כי היכי דלא ליתי לידי הרהור והאמר ר' אלעזר שלוחי מצוה אינם ניזוקין

שאין תחית המתים תלויה. בלוא מתן שכר להודיעך שאין מתן שכר אלא לעוה"ב: ודילמא לא הוי הכי. לא הי"ב הדבר כזה לעולם אלא יאריכון ימיו ושמחיו ממש: ודילמא חושב שעה שהרהר בעבירה הוה. ולא היה לבו לשמים: ומהני מחשבה רעה. ומעשה לא עשה אין הקב"ה מצרפה למעשה ולא הוה [לו] לנקום: ובתבו בתוס' ובלוה"מ אי סבלא מחשבה רעה הקב"ה מצרפה למעשה דכתיב פתחם אחיך יעקב הכבך בוכה ובכרה לעולם ולא מ"מ סבסה עשו ליעקב שום רעה אלא מחשבתו הרעה אשר חשב עליו מצרפה הקב"ה למעשה ומחשבה טובה של ישראל אין הקב"ה מצרפה למעשה כדכתיב בדניאל ודריוש עד מעלי שמשא הוה משתדל לשזבותיה פירוש שהיה דריוש עושה בכל כחו להציל דניאל תגוב אריות אלמא אע"ג שהצילו עד הערב קאמר קרא בלא הצילו אלא מבקש להצילו מדכתיב לשזבותיה ולא להיב ושזביה ע"כ: למען תפוש את בית ישראל בלבם סרכורי ע"ז דהא מהאי קרא: וכאמר ר"א סו':

---

מען אים אויף דיא וועלט פאר זיינע עבירות. ער זאל געמען צוא עולם הבא דעם גאנצין שכר פאר זיינע מצות:

**מ** דתניא. ווארום מיר האבין גילערונט רבי יעקב זאגט אלע מצות וואס שטייען אין דיא תורה. אונ געבין דיא מצוה שטייט באלד מען ווערט געבין שכר. שטייט באלד דער מאנט תחית המתים. צו ווייזין אז דעם שכר וועט מען ניט געבין אויף דיא וועלט נאר אויף יענע וועלט. ביא דער מצוה כבד את אביך ואת אמך שטייט אין פסוק עס זאל דערלייננערט ווערין דיינע טעג אונ עס זאל דיר גוט זיין. ביא אוועק שיקין אנעסט שטייט אין פסוק עס זאל דיר גוט זיין אונ דו זאלסט דער לייננערין דיינע טעג. וויא איז אז עס האט גיטראפין א פאטער האט גיזאגט צו זיין זוהן גיי ארויף אויף דעם בוידים אונ ברייננ מיר אראפ יונגע פייגעלאך. אונ דער זוהן איז ארויף גיגאנגען אויף דעם בוידים אונ האט אוועק געשיקט דיא מוטער. אונ ער האט גינומען דיא קינדער. האט ער מקיים גיוועזין צוויא מצות מיט איין מאהל. אונ וויא ער איז צוריק גיגאנגען איז ער אראפ גיפאלין אונ איז גישטארבין. וואו זעגען זיינע גוטע טעג. אונ וואו זעגען זיינע לאנגע טעג. וואס דיא תורה האט אים צו גיזאגט צו געבין. נאר וואס דיא תורה האט גיזאגט דיר וועט גוט זיין. מיינט מען אויף דער וועלט וואס דארט איז אין גאנצין גוט. אונ עס וועלין דער לייננערט ווערין דיינע טעג. מיינט מען אויף דער וועלט וואס דארט איז אין גאנצין לאנג. פרעגט דיא גמרא טאמער איז אזעלכעס קיין מאהל ניט גיוועזין. ענטפערט דיא גמרא רבי יעקב האט אליין גיזעהן וויא דאס האט גיטראפין. פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער גיטראכט צו טאהן אעבירה. דריבער איז ער גישטראפט גיווארין. ענטפערט דיא גמרא אז איינער טראכט צו טאהן אעבירה. אזוי לאנג וויא ער האט נאך דיא עבירה ניט גיטאהן. ווערט ער ניט גישטראפט. פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער גיטראכט צוא דינען עבודה זרה. אונ עס שטייט אין פסוק דיא יודין האבין אנגעהייבין דיא עבודה זרה אין הארצין. זייא האבען גיטראכט צו דינען עבודה זרה. אונ אויף דעם טראכטין זענען זייא שוין גישטראפט גיווארין. דריבער איז דער זוהן אויך גישטראפט גיווארין אונ איז אראפ גיפאלין פון בוידים. ווייל ער האט גיטראכט צו דינען עבודה זרה. ענטפערט דיא גמרא רבי יעקב מיינט אויך אזוי. אויב גאט גיט שכר פאר א מצוה אויף דער וועלט. פאר וואס האט ניט בשיצט דיא מצוה אויף אים ער זאל ניט טראכטין צו דינען עבודה זרה. פרעגט דיא גמרא רבי אלעזר האט דאך גיזאגט דיא מענטשין וואס

ניזוקין [התם בהליכתן שאני והא"ר אלעזר שלוחי מצוה אינן ניזוקין] לא בהליכתן ולא בחזירתן התם סולם רעוע הוה דקביע הזיקא וכל היכא דקביע הזיקא לא סמכינן אניסא דכתיב (ש"א טז) ויאמר שמואל איך אלך ושמע שאול והרגני. אמר רב יוסף אלמלא הדשיה אחר להאי קרא כר' יעקב בר ברתיה לא חטא ואחר מאי חזא א"ד כי האי גוונא חזא וא"ד לישנא

וכיון דאמרי דרבי יעקב מעשה הוה: אין אחר. והע"ג דבבליה.והא דמריס כוס מסתפי מהזיקא דקביעא:

אלמלא דרשיה אחר להאי קרא דלמען ייטב לך לעוה"ב לא חטא. דהיכו נמי כה"ג הזה אמר אין שכר בעולם ויצא לתרבות רעה: דבר אחר. הזיר:

כהם שבא דבר עבירה לידו. כהא ישב ולא עבר עבירה דקאמר נוטל עליו שכר כעבירם

(דגברא רבא) [דחוצפית המתורגמן] חזא דהוה גריר ל"ה דבר אחר אמר פה שהפיק מרגליות ילהך עפר נפק וחטא:

**מא רמי** ליה רב טובי בר רב קיסנא לרבא תנן כל העושה מצוה אחת מטיבין לו עשה אין לא עשה לא ורמינהו ישב ולא עבר עבירה נותנים לו שכר כעושה מצוה. א"ל התם כגון שבא דבר עבירה לידו וניצל הימנה. כי הא דרבי חנינא בר

---

גייען טאהן אמצוה האבען ניט קיין שאדין. ענפערט דיא גמרא דאס איז נאר ווען מען גייט טאהן דיא מצוה. אבער ניט ווען מען גייט צוריק פון דיא מצוה: פרעגט דיא גמרא רבי אלעזר האט דאך גזאגט דיא מענטשין וואס גייען טאהן אמצוה האבען ניט קיין שאדין. ניט ווען זייא גייען צו טאהן דיא מצוה: אונ ניט ווען זייא גייען צוריק פון דיא מצוה. פאר וואס איז דער זהן אראפ גיפאלין פון בוידים. ענטפערט דיא גמרא דארט איז גיוועזען אשלעכטער לייטער. איז גיוועזען געווים דער שאדין (דאס אראפ פאלין). אונ וואו דער שאדין איז געווים פארלאזט מען זיך ניט אויף אנס. ווארום עס שטייט אין פסוק שמואל האט גזאגט צו גאט היא אזוי וועל איך גיין שאול וועט הערין וועט ער מיך הרגנן אפילו שמואל איז גיגאנגען טאהן אמצוה. ווארום גאט האט דאך אים געשיקט ער זאל גיין זאלבין דוד פאר אמלך. נאר ווייל ער האט געוואסט אז שאול וועט וויסען וועט ער אים געווים הרגנן האט ער מורא גיהאט צו גיין טאהן דיא מצוה. רב יוסף זאגט ווען אחר וואלט גידרשת דעם פסוק למען ייטב לך אזוי ווי דער זיין טאכטערס זהן רב יעקב האט גידרשת אז מען מיינט דיר וועט גוט זיין אויף יענע וועלט: אבער אויף דער וועלט באצאהלט מען ניט פאר קיין מצוה וואלט ער ניט געזינדיגט. וואס האט אחר גיזעהן. אנדערע זאגן ער האט אויך גיזעהן אזוי אזאך ווי רב יעקב האט גיזעהן. איינער האט גיטאהן אמצוה. אונ איז גיהרגעט גיווארין. האט ער גזאגט אז מען באצאהלט ניט פאר אמצוה. צו וואס זאל מען זיא טאהן. אנדערע זאגן ער האט גיזעהן וויא אחזיר האט גישלעפט דעם צונג פון רבי חוצפית המתורגמן. האט ער גזאגט דיא מויל וואס האט גירעט אזעלכע רייד וואס זענען גיוועזען טייערער וויא פעריל. זאל דיא מויל עסין ערד. איז ער אוועק גיגאנגען פון בית המדרש אונ האט געזינדיגט (דיא מעשה פון אחר. שטייט אין דיא מסכת חגיגה אין אנדערין פרק):

**מא רמי**. רב טובי בר רב קיסנא האט גיפרעגט צו רבא מיר האבען גילערנט דער וואס טוהט אמצוה. גיט מען אים גוטס אויף דער וועלט. נאר אז ער האט גיטאהן אמצוה גיט מען אים גוטס אבער אז ער האט ניט גיטאהן אמצוה. גיט מען אים ניט קיין גוטס. מיר האבען דאך גילערנט אז ער איז גיזעסין אונ האט ניט גיטאהן קיין עבירה. גיט מען אים שכר גלייך וויא ער וואלט גיטאהן אמצוה. האט רבא גזאגט דאס איז נאר אז עס איז צו אים גקומען צו טאהן אעבירה: אונ ער האט זיך גישטארקט אונ האט ניט גיטאהן דיא עבירה. דער מענטש נעמט שכר גלייך וויא ער וואלט גיטאהן אמצוה. אבער אזוי אז אמענטש טוהט ניט קיין עבירה קומט אים ניט קיין שכר. סיידין ער האט מאקי גיטאהן אמצוה. נעמט ער שכר פאר דער מצוה. אזוי וויא עס האט אמאהל גיטראפין אזייכע גרעסין האט גזאגט צו רבי חנינא בר פפי ער זאל

מיט

בר פפי תבעתיה ההיא מטרוניתא אמר מלתא ומלו נפשיה שחנא וכיבי אמרה היא מלתא ואיתסי (שבקה) ערק טשא בההוא בי כ. דכי הוו עיילין בית בתרין אפילו ביממא הוי מתזקן למחר אמרי ליה רבנן מאן נטרך א״ר להו שני (דף מ) נושאי קיסר שמרוני כל הלילה אמרי ליה שמא דבר עבירה בא לידך ונצלת הימנה דתניא כל הבא דבר עבירה לידו וניצל הימנה עושים לו נס. (תהלים קג) גבורי כח עושי דברו לשמוע בקול דברו כגון רבי צדוק (וחביריו. ר׳ צדוק) תבעתיה ההיא מטרוניתא אמר לה הלש לי לבאי ולא מצינא איכא מידי למיכל אמרה ליה איכא דבר טמא אמר לה מאי נ״מ דעביד הא אביל הא שגרא תנורא קא מנחת ליה סליק ויתיב בגויה אמרה ליה מאי האי אמר לה דעביד הא נפיל בהא אמרה ליה אי ידעי כולי האי לא צערתיך. רב כהנא הוה מזבן דיקולי תבעתיה ההיא מטרוניתא אמר לה איזיל איקשיט נפשאי סליק וקא נפיל מאיגרא לארעא אתא אליהו קבליה אמר ליה אטרחתן ארבע מאות פרסי

פירוש: אבל ליזו וכספא יפה ולא עבד אין מצוה יתירה תנו: תבעתיה. לזנות: טשא. נטמן: בי כני. בית הכסא: הוי מתוקן. כשמזיין בו מזיקין: כגון ר׳ צדוק. שלטה בו נכוף יצרו להתגבר כנגד קונו: אמר מאי נ״מ. דהא מלתא דלא מזדמן לי אלא מאכל טמא יש לי ללמוד מכאן דעביד האי בנופל ארמית דאוי למיכל טריח: שגרת תנורא. אותה הנכרית הסיקה את התנור לגלות דבר הטומאה עם אחר: גדולה שהיה כהן יכול להשיא ממנה ומכור בידה כאורגנו: קא מנחא ליה. נותנו עלי כתוכו: נפיל בהא. בתוך של גיהנם: אי ידעי. אילו ידעתי שחמור עליכם הדבר כ״כ: דיקולי. סלים שהנשים עושות בהם פלכיהן: אקשיט. שכייתי

א״ל

---

מיט איר מזנה זיין. האט רבי חנינא גזאגט אזוי איז זיין גאנץ לייב געווארין פול מיט קרעץ. ער זאל איר פאר מיאוסת ווערין. האט זיא גזאגט אזוי איז ער באלד געזונד געווארין. איז רבי חנינא אנטלאפין אונ האט זיך בעהאלטין אין אזוי אבאד אז אפילו צוויא מענטשין פלעגין אין איר צוזאמען גיין אונ אפילו ביא טאג פלעגין זיא גישעדיגט ווערין פון דיא שדים וואס זענען דארט געוועזן. אונ רבי חנינא איז דארט געוועזן אליין אונ ביא נאכט. אויף מארגין האבין דיא רבנן גזאגט צו רבי חנינא ווער האט דיך גהיט. האט רבי חנינא צו זיא גזאגט צוויא היטערס פון קיסר האבין מיך גהיט אגאנצע נאכט. האבין דיא רבנן גזאגט צו רבי חנינא עס האט געמוזט קומען צו דיר אעבירה. אונ דו האסט דיך נישט גיקערט אויף דעם יצר הרע אונ דו האסט ניט גיטאהן דיא עבירה. וואריס מיר האבין גילערנט דער מענטש וואס צו אים איז גיקומען אעבירה. אונ ער האט זיא ניט גיטאהן טוהט מען אים אנס. עס שטייט אין פסוק דיא וואס האבען שטארקין כח. ויא טוהען דיא רייד פון גאט. אונ זיא ווילען נאר הערין דעם קול פון זיינע רייד. דאס מיינט מען רבי צדוק מיט זיינע חברים. וואס זייא האבען גיהאט שטארקין כח גיגין דעם יצר הרע. ניט צו טאהן קיין עבירה. נאר צו טאהן דיא רייד פון גאט. ווארום אמאהל האט אגרעפין גזאגט צו רבי צדוק ער זאל מיט איר מזנה זיין. האט רבי צדוק צו איר גזאגט מיין הארץ איז מיר שוואך אונ איך קען ניט איצט מזנה זיין. טאמער איז דא עפעס צו עסין. האט דיא גרעפין גזאגט עס איז דא צו עסין אבער טרפות. האט רבי צדוק צו איר גזאגט עס מעג זיין טרפות. דער וואס מעג טוט דיר מזנה זיין. מעג עסין טרפות אויך. האט זיא אים געהייצט אהויבין אונ האט אביך גילייגט אין הויבין דיא טרפה פלייש צום בראטין. איז רבי צדוק אריין גיגאנגען אין דעם הויבין. האט דיא גרעפין גזאגט צוא רבי צדוק צוא וואס גייסטו אריין אין הויבין. האט רבי צדוק צו איר גזאגט דער וואס איז מזנה אונ עסט טרפות. זאלט ער אריין אין פייער פון גיהנם. האט דיא גרעפין גזאגט צו רבי צדוק ווען איך וואלט וויסען אז ביא אייך איז דיא עבירה אזוי גרויס. וואלט איך דיך ניט מצער געוועזן. און איך וואלט דאס פון דיר ניט פארלאנגט. רב כהנא פלעגט פארקויפין קערב קליינע פאר ווייבער. האט אגרעפין גזאגט צו אים ער זאל מיט איר מזנה זיין. האט רב כהנא גזאגט צו איר איך וועל גיין מיך אויס פוצען. איז ער ארויף גיגאנגען אויף דעם בוידים אונ האט זיך אראפ גיווארפין פון דעם בוידים אויף דער ערד. איז גיקומען אליהו הנביא אונ האט אים גיכאפט אין דער לופטין. האט

אליהו

א"ל מי גרם לי לאו ענייתא יהב ליה שיפא דדינרי :
מב רמי ליה רבא לרב נחמן תנן אלו דברים שאדם עושה אותן אוכל פירותיהם בעה"ז והקרן קיימת לו לעה"ב ואלו הן כבוד אב ואם וגמילות חסדים והבאת שלום שבין אדם לחבירו ות"ת כנגד כולם . בכבוד אב ואם כתיב (דברים ה) למען יאריכון ימיך ולמען ייטב לך . בגמילות חסדים כתיב (משלי כא) רודף צדקה וחסד ימצא חיים צדקה וכבוד . ובהבאת שלום כתיב (תהלים לד) בקש שלום ורדפהו וא"ר אבהו אתיא רדיפה רדיפה כתיב הכא בקש שלום ורדפהו וכתיב התם רודף צדקה וחסד . בת"ת כתיב (דברים ל) כי הוא חייך ואורך ימיך אי הכי בשלוח הקן נמי כתיב (שם כב) למען ייטב לך והארכת ימים ליתני נמי [הא] תנא ושייר תני תנא אלו דברים ואת אמרת תנא ושייר אמר רבא ר' אידי אסברא לי (ישעיה ג) אמרו צדיק כי טוב כי פרי מעלליהם יאכלו וכי יש צדיק טוב וצדיק שאינו

פירוש

במקום אחר רחוק ד' מאות פרסי : לאו ענייתא בהמיה אם לא העניות לא הוצרכתי להיות עסקי במלאכת נשים : שיפא. שם כלי : דינרי . והוביל : יאריכון ימיך . לעוה"ב : ייטב לך. בחייך : ימצא חיים . לעוה"ב : צדקה וכבוד. בעוה"ז : חייך . בעוה"ז : ואת רך ימיך . לעוה"ב : בשלוח הקן נמי וכו' . וליתניים : ר' אידי אסברא לי . אינו דומה אלא דבכל כולהו סבריות נהנין מהם ומצא טוב לשמים וטוב לבריות ונבואה כתיב כי פרי מעלליו יאכלו [דהאי קרא כתיב כי טוב כי פרי מעלליו] יאכל בחייו אכל בשלוח הקן טוב לשמים הוא ואין כאן טוב לבריות ולא כתיב בים

---

אליהו זאגט צו רב כהנא דו האסט מיך מטריח געווען צו גיין פיר הונדערט מייל. ווארום אליהו איז דאמאלס געווען ווייט פון דעם ארט פיר הונדערט מייל. האט רב כהנא געזאגט צו אליהו ווער האט מיך געבראכט דער צו. נאר מיין ארעמקייט. ווען איך וואלט ניט ארעם געווען. וואלט איך ניט געהאנדילט מיט ווייבערשע זאכין. אונ וואלט ניט געקומען צווישען ווייבער. אונ עס וואלט מיר ניט געטראפין. וואס מיר האט געטראפין. האט אליהו געגעבין צוא רב כהנא א זאק רענדלאך. ער זאל רייך ווערין:

מב רמי. רבא האט גערעדט בייא רב נחמן מיר האבען געלערנט אז א מענטש טוהט דיא זאכין. עסט ער זייערע פירות אויף דער וועלט. אונ דער קרן בלייבט שטיין אויף יענער וועלט. אונ דאס זענען דיא זאכין. אז ער גיט כבוד צוא זיין פאטער אונ מוטער. אז ער טוהט טובות צו מענטשין. אונ אז ער מאכט שלום צווישען מענטשין וואס קריגען. אונ תורה לערנען דאס איז גרעסער ווייא אלע מצות. אז מען גיט כבוד צו פאטער אונ מוטער שטייט אין פסוק עס זאל דערלענגערט ווערין דיינע טעג אונ עס זאל דיר גוט זיין. אז מען טוהט טובות צו מענטשין שטייט אין פסוק דער וואס יאגט נאך צו טאהן צדקה אונ חסד. ווערט ער געפינען לעבין אונ געלט צו טאהן צדקה. אונ ער ווערט האבען כבוד. אונ אז ער האט געמאכט שלום צווישען מענטשין וואס האבען געקריגט. שטייט אין פסוק בקש שלום ורדפהו זוך שלום אונ יאג אים נאך. האט רבי אבהו געזאגט מיר לערנען א גזירה שוה רדיפה רדיפה. דא שטייט בקש שלום ורדפהו ושטייט דער ווארט רדפהו נאך יאגין. אונ דארט שטייט רודף צדקה וחסד ושטייט דער ווארט רודף. נאך יאגין. אזוי ווייא דארט בייא רודף צדקה וחסד. אז מען טוהט טובות. געפינט מען לעבין אונ כבוד. אזוי אז מען מאכט שלום צווישען מענטשין וואס קריגען זיך. געפינט מען אויך לעבין אונ כבוד. אז מען לערנט תורה שטייט אין פסוק דאס איז דיין לעבין אונ דיא לענגערונג פון דיינע טעג. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין דיא תורה אז מען טרעפט א פויגיל מיט יונגע פייגעלאך וואס זענען איהרע קינדער. זאל מען אוועק שיקען דיא מוטער אונ דיא קינדער מעג ער נעמען פאר זיך. אונ אז ער ווערט אזוי טאהן וועט אים גוט זיין אונ עס וועט דערלענגערט ווערין זיינע טעג. זאל דיא משנה לערנען דיא מצוה אויך. ענטפערט דיא גמרא ער לערנט אביסיל. אונ אביסיל לאזט ער איבער. פרעגט דיא גמרא דער תנא לערנט דאך אלו דברים. דיא זאכין. געוויס מיינט ער נאר דיא זאכען. אונ ניט מער. אונ דוא זאגסט אביסיל לערנט ער אונ אביסיל לאזט ער איבער. האט רבא געזאגט רבי אידי האט מיר געגעבין צוא פאר שטיין. עס שטייט אין פסוק זאגט צום צדיק ער איז גוט די פרוכט

פון:

כי פרי מעלליהם יאכלו הילכך לא תנייה גבי אוכל פירותיהן בעוה"ז: רע לשמים ורע לבריות. כגון רוצח וגזלן וגנב: רע לשמים ואינו רע לבריות. מגלה עריות מבזה מועדים אוכל חלב: אין לו פירות. אין נפרעין ממנו יותר מכדי רשעו: עבירה שעושה פירות. כגון תגזול הפסד מאדם תמוג

שאינו טוב אלא טוב לשמים ולבריות זהו צדיק טוב. טוב לשמים ורע לבריות זהו צדיק שאינו טוב. כיוצא בדבר (שם) אוי לרשע רע כי גמול ידיו יעשה לו וכי יש רשע רע ויש רשע שאינו רע אלא רע לשמים ורע לבריות זהו רשע רע; רע לשמים ואינו רע לבריות זהו רשע שאינו רע. הזכות יש לה קרן ויש לה פירות שנא' אמרו צדיק כי טוב כי פרי וגו'. עבירה יש לה קרן ואין לה פירות שנאמר אוי לרשע רע וגו' ואלא מה אני מקיים (משלי א) ויאכלו מפרי דרכם וממועצותיהם ישבעו עבירה שעושה פירות יש לה פירות ושאין עושה פירות אין לה פירות. מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה שנאמר (מלאכי ג) אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו מאי ולחושבי שמו א"ר אסי אפילו חשב אדם לעשות מצוה ונאנס ולא

---

פון זייערע ווערק וועלין זייא עסין. איז דען דא אצדיק וואס ער איז גוט. אונ אצדיק וואס ער איז ניט גוט. נאר דער צדיק וואס ער איז גוט צוא גאט אונ צו מענטשין: דער איז אגוטער צדיק. אונ דער צדיק וואס ער איז גוט נאר צוא גאט. אונ צוא מענטשין איז ער שלעכט. דער איז אצדיק וואס ער איז ניט גוט. נאך אזוי אגלייכין שטייט אין פסוק. ווי צוא דעם שלעכטין רשע: אזוי ווייא זיינע הענט האבען פאר דינט: אזוי וועט גיטאהן ווערין צוא אים. איז דען דא אשלעכטער רשע. אונ אניט שלעכטער רשע. נאר דער רשע וואס ער איז שלעכט צוא גאט אונ איז שלעכט צוא מענטשין (ער גנבית אונ גזלית): דער הייסט אשלעכטער רשע. אונ דער רשע וואס ער איז שלעכט צוא גאט אונ ער איז ניט שלעכט צוא מענטשין (ער איז מזנה. מחלל שבת. ער עסט טרפות). דער רשע איז ניט אשלעכטער רשע. אונ די דריי זאכען וואס דיא משנה רעכענט (כבוד אב ואם. גמלות חסדים שלום מאכען) דער וואס טוהט זייא איז ער אצדיק צוא גאט אונ צוא מענטשין: אבער אז ער שיקט אוועק דיא מוטער פון דיא נעסט איז ער נאר אצדיק צוא גאט. אבער ניט צוא מענטשין. אונ פון דיא צדיקים שמועסט ניט דיא משנה. אמצוה האט קרן אונ האט פירות. ער האט שכר אויף דיא וועלט אונ אויף יענע וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאגט צום צדיק ער איז גוט דיא פרוכט פון זייערע מעשים וועלין זייא עסין. אעבירה האט קרן אונ האט ניט פירות. אויף דער וועלט ווערט ער ניט גישטראפט. נאר אויף יענע וועלט ווערט ער גישטראפט: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וויא צוא דעם שלעכטין רשע אזוי וויא ער האט פאר דינט אזוי וועט ער האבען: נאר איין מאהל אויף יענע וועלט. נאר וויא אזוי וועט מקוים ווערין דער פסוק זייא וועלין עסין דיא פרוכט פון זייער וועג אונ פון זייערע עצות וועלין זייא זאט ווערין. נאר די עבירה וואס פון איר וואקסט פירות. למשל ער האט גיטאהן אעבירה אונ אנדערע לערנען אפ פון אים זייא זאלין אויך טאהן עבירות. האט זיין שטראף אויך פירות. מען שטראפט אים אויף דיא וועלט אונ אויף יענע וועלט. אונ דיא עבירה וואס פון איר וואקסט ניט קיין פירות. ער האט גיטאהן אעבירה אין דער שטיל אונ קיינער ווייס ניט פון איר. האט זיין שטראף אויך ניט קיין פירות: מען שטראפט אים נאר אויף יענע וועלט. אונ ניט אויף דיא וועלט. אגוטע מחשבה רעכענט גאט גלייך וויא עס וואלט גיטאהן ווערין. אז איינער טראכט צוא טאהן אמצוה. רעכענט אים גאט גלייך וויא ער וואלט דיא מצוה גיטאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיא פרומע מענטשין האבען גירעט איינער צום אנדערין האט גאט פאר נומען זייערע רייד אונ ער האט גיהערט אונ עס איז פאר שריבען גיווארין אין אבוך עס זאל גידיינקט ווערין פאר גאט צוא דיא וואס האבען מורא פאר גאט אונ זייא טראכטען זיין נאמען. וואס מיינט מען זייא טראכטין זיין נאמען. זאגט רבי אסי אפילו אמענטש האט גיטראכט צוא טאהן אמצוה. אונ עס האט גיטראפען ער האט

ניט

ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה. מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה שנא' (תהלים סו) און אם ראיתי בלבי לא ישמע ה' ואלא מה מקיים (ירמיה ו) הנני מביא אל העם הזה רעה פרי מחשבותם מחשבה העושה פירות הקב"ה מצרפה למעשה מחשבה שאין בה פרי אין הקב"ה מצרפה למעשה ואלא הא דכתיב (יחזקאל יד) למען תפוש את [בית] ישראל בלבם אמר רב אחא בר יעקב ההוא בע"ז הוא דכתיב דאמר מר חמורה ע"ז שכל הכופר בה כמודה בכל התורה כולה עולא אמר כדרב הונא דא"ר הונא כיון שעבר אדם עבירה ושנה בה הותרה לו הותרה לו ס"ד אלא נעשית לו כהיתר א"ר אבהו משום ר' חנינא נוח לו לאדם שיעבור עבירה בסתר ואל יחלל שם שמים וכו' כמו שכתוב למעלה במסכת חגיגה:

**מג תנן** התם אין מקיפין בחלול השם אחד שוגג ואחד מזיד. מאי אין מקיפין אמר מר זוטרא שאין עושין כחנוני המקיף אמר מר בריה דרבינא לומר שאם

שכר עבירה ואחריה למדין הימנו לעשות כן: מחשבה שעושה פירות. שקיים מחשבתו ועשה: מצרפה למעשה. ונפרעין ממנו אף על המחשבה: עולא אמר. הא דכתיב פרי מחשבותם בעובר ושונה כתיב כי הדר מהרהר לעשות ונצטרפה למעשה ואם לא עביד לה אין הרהורו לשם שמים א"נ אלא אוכך לה קרבן עולה דאמר נעשית לו כהיתר: אין עושין לו כחנוני המקיף. לאדם שחבים רבית ונותנים כל הקפותיו ביחד אין עושין כך תחלתלה

---

ניט געקענט טאהן דיא מצוה. רעכנט אויף אים דער פסוק גלייך וויא ער וואלט געטאהן: אשלעכטע מחשבה רעכנט ניט גאט גלייך וויא עס וואלט געטאהן געווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב איך האב געזעהן אומרעכט אין מיין הארץ וועט גאט ניט הערין. נאר וויא רעדט וועט מקיים ווערין דער פסוק איך וועל ברייננגען צוא דעם פאלק שלעכטס דיא פרוכט פון זייער טראכטונג נאר אזוי איז. אמחשבה וואס פון איר וואקסט פירות. ער האט גיטראכט צו טאהן אעבירה: אונ ער האט טאקי דיא עבירה געטאהן. רעכנט גאט דיא טראכטונג פאר אעבירה. אונ מען שטראפט אים פאר דעם טראכטין בזונדער. אונ פאר דעם טוהען בזונדער. גלייך וויא ער וואלט דיא עבירה צוויא מאהל געטאהן. אונ אמחשבה וואס פון איר וואקסט ניט פירות. ער האט גיטראכט צוא טאהן אעבירה. אונ ער האט ניט געטאהן. רעכנט ניט גאט דאס טראכטונג פאר אעבירה. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק מען זאל אן נעמען דיא יודין מיט זייער הארץ. מען וועט זייא שטראפין אויף דיא שלעכטע טראכטונג וואס זייא טראכטין אין הארצען. דאט רב אחא בר יעקב גזאגט. דאס איז נאר ביי עבודה זרה. אז איינער טראכט צו דינען עבודה זרה. אפילו ער האט ניט געדינט ווערט ער אויך גישטראפט. וואריום דער תנא האט גזאגט דיא עבירה פון עבודה זרה דינען איז אזוי גרויס דער וואס לייקנט אין דיא עבודה זרה איז גלייך וויא ער איז מודה אין דיא גאנצע תורה. עולא זאגט אזוי וויא רב הונא האט גזאגט אז אמענטש טוהט אעבירה איין מאהל. דער נאך טוהט ער דיא זעלבינע עבירה נאך אמאהל. איז שוין דיא עבירה מותר צוא אים. פרעגט דיא גמרא ווער האט אים דיא עבירה מתיר גיוועזען. נאר אזוי מיינט מען דיא עבירה איז ביא אים מותר גיווארין. ער האלט שוין דאס ניט פאר אעבירה. אונ אויב ער טראכט נאך אדריטען מאל צוא טאהן דיא זעלבינע עבירה. אפילו ער האט ניט געטאהן דיא עבירה. ווערט ער אויך נישטראפט אויף דעם טראכטין אליין. וואריום דעם וואס ער האט ניט געטאהן דיא עבירה איז ניט ווייל ער האט מורא גיהאט פאר גאט צוא טאהן דיא עבירה. נאר ער האט ניט גידארפט די עבירה. רבי אבהו האט גזאגט פון רבי חנינאס וועגן עס איז בעסער אמענטש זאל טאהן אעבירה אין דער שטיל קיינער זאל ניט וויסען. אונ ער זאל ניט טאהן ווען אלע זאלין וויסען. וואריום עס וועט זיין אחילול השם:

**מג** תנן. מיר האבען געלערנט אז איינער טוהט אעבירה וואס עס איז אחילול השם. סיי ער דאט געטאהן בשוגג סיי ער האט געטאהן במזיד. אין מקיפין. וואס מיינט מען אין מקיפין. זאגט מר זוטרא מען בארגט ניט אזוי וויא אקרעמער פר בארגט. דער קרעמער פאר בארגט צוא אין מענטש עטליכע מאל בשקאבוייז. אונ נעמט אפ מיט איין מאהל. אבער גאט טוהט ניט אזוי

פיט

שאם היתה שקולה מכרעת :

(ע"ב) **מד** ת"ר לעולם יראה אדם עצמו כאילו **חציו** חייב וחציו זכאי **עשה** מצוה **אחת** אשריו שהכריע עצמו לכף זכות . עבר עבירה אחת אוי לו שהכריע את עצמו לכף חובה שנאמר (קהלת ט) וחוטא אחד יאבד טובה הרבה בשביל חטא יחידי שחטא איבד ממנו טובות הרבה ר"א בר' שמעון אומר **לפי** שהעולם נידון אחר רובו והיחיד נידון אחר רובו עשה מצוה אחת **אשריו** שהכריע **את** עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות עבר עבירה אחת אוי לו שהכריע את עצמו ואת כל העולם לכף חובה שנאמר וחוטא אחד יאבד טובה הרבה בשביל חטא יחידי שחטא **זה** אבד ממנו ומכל העולם טובות הרבה . ר"ש בן יוחאי אומר אפילו צדיק גמור כל ימיו **ומרד** באחרונה אבד את הראשונות שנאמר (יחזקאל לג) צדקת הצדיק לא תצילנו ביום

**נמחלו** השם אלא נפרעין מיד : שאם היתה . כף המאזנים שקולה ויש באחד העומד חוץ הכף מכריעין את הכף לחובה והאי מקיפין לשון עיגול כמו אין מקיפין בכוסי אקפינהו ואידמו מקרב זאת אצל זאת ומעיין אם דומות :
**לפי** שהעולם נידון אחר רובו וכו' . יר' אה אדם עצמו כאילו בקול כל העולם מחצה צדיקים והחצי ם ומחצה רשעים וכאילו מעשיו שקולים כמחצה על המחצה עשה מצוה אחת ממלא זכיו..ת מכריעין ונמצא

---

מיט דיא מענטשין וואס זענען מחלל השם . נאר מען שטראפט באלד אויף יעדער עבירה בזונדער . בר בריה דרבינא זאגט אין מקיפין מיינט מען . מען גלייכט ניט אויס דיא וואג . אויב עס איז גיוועזן אויף איין וואג שאל למשל הונדערט מצות . אונ אויף דעם אנדערין שאל איז גיוועזן הונדערט עבירות . אויב איינע פון דיא עבירות איז גיוועזן אחילול השם . וועגט אראפ דיא שאל פון עבירות :

**מד** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט איביג זאל אמענטש זעהן אויף זיך אליין אז ער איז העלפט ארשע אונ העלפט אצדיק . אז ער האט העלפט מצות אונ העלפט עבירות . אויב ער האט גיטאהן נאך אמצוה . וואול צוא אים . ווארום זיין וואג שאל מיט מצות האט אראפ גיוואוגין . אונ אויב ער האט גיטאהן נאך אעבירה . וויי צו אים . ווארום זיין וואג שאל מיט עבירות האט אראפ גיוואוגין . ווארום עס שטייט אין פסוק וחוטא אחד יאבד טובה הרבה . איין זינדיגער פאר לירט פון אמענטשין פיל גוטס . אמאהל טוהט אמענטש איין זינד . אונ דורך דער זינד פאר לירט ער פון זיך פיל גוטס . רבי אלעזר ברבי שמעון זאגט ווייל די וועלט ווערט געמשפט נאך דאס מערסטע . אויב דאס מערסטע זענען צדיקים . ווערט זיא געמשפט צום גוטען . אונ אויב דאס מערסטע זענען רשעים . ווערט זיא געמשפט זום שלעכטין . אונ יעדער מענטש בזונדער ווערט אויך געמשפט נאך דאס מערסטע אויב ער האט מצות מער וויא עבירות . הייסט ער אצדיק . אונ אויב ער האט עבירות מער וויא מצות . הייסט ער ארשע . דארף אמענטש רעכענען אזוי אמאהל . אז העלפט מענטשין פון דער וועלט זענען צדיקים . אונ העלפט מענטשין זענען רשעים . אונ ער אליין איז אויך העלפט ארשע אונ העלפט אצדיק . אויב ער האט גיטאהן איין מצוה . וואול צו אים . ווארום זיין וואג שאל מיט מצות האט אראפ גיוואוגין . האט ער שוין מצות מער וויא עבירות . הייסט ער שוין צדיק . אונ דורך אים איז דאך שוין אין דער וועלט דא צדיקים מער וויא רשעים . ווערט דאך שוין דיא וועלט געמשפט ווערין צום גוטען האט ער גיטאהן אטובה זיך אונ דער וועלט . אבער אז ער האט גיטאהן איין עבירה . וויי צוא אים . ווארום זיין וואג שאל מיט עבירות האט אראפ גיוואוגין . האט ער שוין עבירות מער וויא מצות . הייסט ער שוין ארשע . אונ דורך אים איז דאך שוין אין דער וועלט דא רשעים מער וויא צדיקים . ווערט דאך שוין דיא וועלט געמשפט ווערין צום שלעכטין . האט ער גיטאהן שלעכטס פאר זיך אונ פאר דיא גאנצע וועלט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איין זינדיגער קען פאר לירען פיל גוטס . דורך איין זינד וואס דער מענטש האט געזינדיגט . האט ער פאר לארין פון זיך אונ פון דיא גאנצע וועלט פיל גוטס . רבי שמעון בן יוחאי זאגט אז אמענטש איז גיוועזן זיין גאנצין לעבין אגאנצער צדיק . אונ

ביום פשעו ואפילו רשע גמור כל ימיו ועשה תשובה באחרונה אין מזכירין לו שוב רשעו שנא' (שם) ורשעת הרשע לא וכשל בה ביום שובו מרשעו וניהוי כמחצה עונות ומחצה זכיות אמר ריש לקיש בתוהא על ראשונות :

**מה משנה** כל שישנו במקרא ובמשנה ובדרך ארץ לא במהרה הוא חוטא שנאמר (קהלת ד) והחוט המשלש לא במהרה ינתק וכל שאינו לא במקרא ולא במשנה ולא בדרך ארץ אינו מן הישוב :

**מו א"ר** אלעזר בר צדוק למה צדיקים נמשלים בעה"ז לאילן שכולו עומד במקום טהרה ונופו (נמצא) נוטה למקום טומאה נקצץ נופו כולו עומד במקום טהרה . כך הקב"ה מביא יסורים על הצדיקים בעה"ז כדי שיירשו העה"ב שנאמר (איוב ח) והיה ראשיתך מצער ואחריתך ישגה מאד ולמה רשעים דומים בעולם הזה לאילן שכולו עומד במקום טומאה ונופו נוטה למקום טהרה נקצץ נופו כולו עומד במקום טומאה כך הקב"ה משפיע להם טובה בעולם הזה כדי

צדיק ועל ידו כל העולם כולו נדון לפום רוב מעשים : וזכאי . צדיק שמכריע כמחצה עונות וכמחצה זכיות ולמה אבד את הראשונות : בתוהא . מתחרט על כל הטובות שעשה :
למה צדיקים דומים בעוה"ז . כיסורין הבאים עליהם . ונופו . כלומר מעט ממנו : נקצץ . ממנו נופו : כך . נפרעים מן הצדיקים מיעוט עונות שבידם ונמצאו כולם נקיים : ולמה רשעים דומים בעוה"ז . בטובה שמשפיעים להם : נופו . מעט והף הללו יש בידם מיעוט טובות וזכיות נקצץ נופו. קטול בכרם כוא

---

צוא דיא לעצטע יאהרין איז ער געווארין ארשע . האט ער פאר לארין זיינע אלע מצות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא פרומקייט פון דעם צדיק וועט אים ניט רעטין אין דעם טאג ווען ער וועט ווערין ארשע . אונ אז א מענטש איז געווען זיין גאנצין לעבין א אמתר רשע . אונ צו דיא לעצטע יאהרין האט ער געטאהן תשובה . דער מאנט מען אים ניט זיינע עבירות וואס ער האט געטאהן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ דיא שלעכטס וואס דער רשע האט גיטאהן . וועט ער ניט געשטרויכעלט ווערין דורך זייא . אין דעם טאג וואס ער וועט תשובה טאהן אויף זיינע עבירות . פרעגט דיא גמרא אז א צדיק האט געזינדיגט פאר וואס פאר לירט ער זיינע ערשטע מצות זאל ער זיין וויא דער מענטש וואס האט העלפט מצות אונ העלפט עבירות : האט ריש לקיש געזאגט דא שמועסט אז ער האט חרטה אויף דיא מצות פאר וואס ער האט זייא גיטאהן :

**מה** משנה : כל . דער מענטש וואס לערנט תנ"ך אונ משניות אונ האנדילט הערלאך אדער ער טוהט א מלאכה . ניט געשווינט וועט ער קומען צוא א עבירה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק א פאדים וואס איז ניפלאכטען אין דרייען וועט ניט געשווינד צוא ריסען ווערין . אונ דער וואס לערנט ניט תנ"ך . אונ ניט משניות . אונ האנדילט ניט הערלאך אדער ער טוהט ניט קיין מלאכה . ער גייט אום ליידיג . העלפט ער ניט צוא דער בעזיצונג פון דער וועלט . נאר ער מאכט נאך שאדין צוא דער וועלט :

**מו** אמר : רבי אלעזר בר צדוק האט געזאגט צוא וואס זענען דיא צדיקים גלייך אויף דער וועלט . צוא א בוים וואס ער שטייט אין גאנצין אויף א ריינעם ארט . נאר איין צווייג איז ארויס גיבויגין אויף א אומריינעם ארט . אז מען האקט אפ דעם צווייג . שטייט שוין דער גאנצער בוים אויף א ריינעם ארט. דער צדיק איז אויך אין גאנצין ריין . נאר א ביסול פון עטליכע עבירות וואס ער האט איז ער געווארין אומריין . ברייננט גאט אויף דיא צדיקים יסורים אויף דיא וועלט : זייא זאלין תשובה טאהן אויף דיא ביסול עבירות זייא זאלין אין גאנצין ריין ווערין : זייא זאלין ירשנן עולם הבא . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דין אנהייב וועט זיין ווייניג . אבער דיין סוף וועט זיך גרייסין זייער פיל . דער אנהייב פון דיא צדיקים איז קליין אויף דער וועלט . אבער דער סוף זייערער איז גרוים אויף יענע וועלט . אונ צוא וואס זענען דיא רשעים גלייך אויף דער וועלט . צוא א בוים וואס ער שטייט אין גאנצין אויף א אומריינעם ארט . נאר איין צווייג איז ארויס גיבויגין אויף א ריינעם ארט . אז מען האקט אפ דעם צווייג . שטייט שוין דער גאנצער

בוים

כדי לטורדן ולהורידן למדרגה התחתונה של גיהנם שנא' (משלי יד) יש דרך ישר לפני איש ואחריתה דרכי מות:

**מז וכבר** היה ר' טרפון וזקנים מסובין בעלית בית נתזה בלוד נשאלה שאלה זו בפניהם תלמוד גדול או מעשה גדול. נענה רבי טרפון ואמר מעשה גדול. נענה ר' עקיבא ואמר תלמוד גדול. נענו כולם ואמרו תלמוד גדול שהתלמוד מביא לידי מעשה. תניא ר' יוסי אומר גדול תלמוד שקדם לחלה מ' שנה. לתרומות ומעשרות נ"ד. לשמיטים ס"א. ליובלות ק"ג. ק"ג ק"ד הויין קסבר יובל מתחלתו הוא משמט. וכשם שהתלמוד קודם למעשה כך דינו קודם למעשה כדרב המנונא דאמר רב המנונא אין תחלת דינו של אדם אלא על דברי תורה שנא' (משלי יז) פוטר מים ראשית מדון ובשם שדינו קודם למעשה שכרו קודם למעשה שנאמר (תהלים קה) ויתן להם ארצות

קילא מפס: מדרגה. אכליפ"ס כדכן בעזבן מדרגות לחרילים שבבינות המגדלים (בזמגניהן) [בשמגניהן] קרקעיתם: יש דרך ישר לפני איש. כשרואין הרשעים שלותן נראה דרכן בעיניהם ישרה ואחריתה של אותה שלוה הזמנה לדרכי מות היא: בית נתזה. שם אדם: שהתלמוד מביא לידי מעשה. שנאמר שמיטה בידו: גדול ת"ת שקדם לחלה ארבעים שנה. כשיצאו ממצרים נתנה להם תורה מחדש השלישי וחלה לא נתחייבו עד שנכנסו לארץ דכתיב בבואכם ואמר מר משנה ביאה זו מכל ביאות שבתורה דכתיב בהו כי תבואו וכאן נאמר בבואכם משנכנסו לה והתרומות ומעשרות לאחר כיבוש וחילוק דכתיב שנות זרעך שיהא כל אחד מכיר חלקו וכן י"ד שנה הרי נ"ד ומשם התחילו למנות שמיטין כדאמרינן בערכין ועשו שמיטה לסוף שבעה הרי ס"א שנה ולסוף נ' שנה יובל הרי ק"ג: מתחלתו משמט. מתחלת השנה מיוה"כ עבדים נפטרים ושדות חוזרות ועדיין לא עברו אלא מ"ט אבל שביעית אינה משמטת אלא בסופה דכתיב מקץ שבע שנים תעשה שמטה לסוף שבע לפיכך כל שנה שביעית במנין ס"א: תחלת דינו. כיום הדין תחלת פרעון שעליו מפני מה לא עסקת בתורה: פוטר מים. פורק עול תורה: ראשית מדון היא תחלת דינו ואין מים אלא תורה דכתיב הוי כל צמא לכו למים: וכשם שדינו. פורענות תורה קודם לדין פורענות מעשה: כך שכרו. אם עסק בתורה

---

בוים אויף אאומריינעם ארט. דער רשע איז אויך אין גאנצן אומריין. נאר אביסעל פון עטליכע מצות וואס ער האט איז ער ריין. ברייננט נאט אויף דיא רשעים פיל גוטס אויף דיא וועלט. אונ מען בצאהלט זייא פאר זייער ב סור מצות. מען זאל זייא פאר טרייבן פון עולם הבא. אונ מען זאל זייא אראפ נידערין גאנץ טיף אין גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז דא אמענטש וואס ער מיינט אז זיין וועג איז גלייך. ווייל ער זעהט עס גייט אים גוט אויף דער וועלט. מיינט ער אז זיין פירונג איז גוט. דער סוף איז אבער אז זיין וועג פירט אים צום טויט:

**מז וכבר.** אמאהל האט גיטראפין אז רבי טרפון אונ נאך אלטע לייט זענען גיזעסין אויף דעם בוידים פון דעם מענטש וואס הייסט נתזה אין דיא שטאט לוד. האט מען פאר זייא גיפרעגט דיא שאלה. לערנען איז גרעסער וויא אמצוה טאהן. אדער אמצוה טאהן איז גרעסער וויא לערנען. האט רבי טרפון גזאגט אמצוה טאהן איז גרעסער וויא לערנען. רבי עקיבא האט גזאגט לערנען איז גרעסער וויא אמצוה טאהן. האבען אלע גזאגט לערנען איז גרעסער וויא אמצוה טאהן. ווארום פון לערנען ווייס מען וויא אזוי צוא טאהן אמצוה. מיר האבען גילערנט רבי יוסי האט גזאגט תורה לערנען איז גרוס. ווארום דיא תורה איז גיגעבין גיווארין מיט פערציג יאהר פריער וויא דיא מצוה פון חלה איז גיגעבין גיווארין. אונ זיא איז גיגעבין גיווארין מיט פיר אונ פופציג יאהר פריער וויא דיא מצות פון תרומה אונ מעשר איז גיגעבין גיווארין. אונ מיט איין אונ זעכציג יאהר פאר שמטה. אונ מיט הונדערט מיט דרייא יאהר פאר יובל. פרעגט דיא גמרא דיא מצות פון יובל איז דאך אין סוף יובל. איז דאך דיא תורה פריער פאר דיא מצות פון יובל הונדערט מיט פיר יאהר. ענטפערט דיא גמרא רבי יוסי האלט דיא מצות פון יובל זענען באלד אין אנהייב יובל. איז נאר הונדערט מיט דרייא יאהר. אונ אזוי וויא תורה לערנען איז פריער וויא צמצוה צוא טאהן. אזוי אז מען רופט דעם מענטש צום משפט פאר גאט. פריער פרעגט מען אים פאר וואס ער האט ניט גילערנט תורה. דער נאך פרעגט מען אים פאר וואס ער האט ניט גיטאהן מצות. אזוי וויא רב המנונא האט גזאגט דער אנהייב משפט פון מענטשין איז אויף תורה לערנען. פאר וואס האט ער ניט גילערנט תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פוטר מים ראשית מדון. דער אנהייב קריג איז פאר וואס האט ער פון זיך אראפ גיווארפין דעם

יאך

ארצות גוים ועמל לאומים יירשו בעבור ישמרו הקיו ותורותיו ינצורו : פיסקא . כל שאינו לא במקרא ולא במשנה אינו מן הישוב א"ר יוחנן ופסול לעדות . ת"ר האוכל בשוק הרי זה דומה לכלב וי"א פסול לעדות אמר רב אידי בר אבין הלכה כי"א . דרש בר קפרא רגזן (דף מא) לא עלתה בידו אלא רגזנותו ולאדם טוב מטעימים אותו מפרי מעשיו בעה"ז . וכל שאינו לא במקרא ולא במשנה ולא בדרך ארץ דור הנאה ממנו שנא' (תהלים א) ובמושב לצים לא ישב מושבו מושב לצים :

## האיש מקדש פרק שני

(דף מט) **א תניא** ר' יהודה אומר המתרגם פסוק כצורתו הרי זה בדאי והמוסיף עליו הרי זה מחרף ומגדף :

**ב** ע"מ שאני שונה חזקיהו אמר הלכות ורבי יוחנן אמר תורה מיתיבי איזהו משנה ר"מ אומר

קודם לשכר מעשה : בעבור ישמרו חקיו . ולאמר מה לעיל תשמרו זה משנה : ינצורו . יקיימו : ופסול לעדות דכיון שאינו מן הישוב אין מקפיד על עדות שקר ואין לו בו בושת פנים: האוכל בשוק . הואיל ואין מקפיד על כבודו אין בוש לגלגל כבודו וליפסל : לא עלה בידו בשכרו אלא כעס בשרו ברגזנותו ולא נשתכר כלום : דור . נדור : שנא' ובמושב לצים לא ישב . וזה שאינו באחד מאלו במה יתעסק אם לא בליצנות :

פסוק כצורתו שבא להסיר תוספת התרגום שלנו לומר לא אתרגם פסוק זה אלא כצורתו כגון לא תענה על ריב לא תסהד על דינא הרי זה בדאי (דאדרבה מצוה הוא להוציא הדין לאורה אלא הכי מתרגמינן לא תתנגיד מלאלפא למאן דמתבעי מינך בדינא) : והמוסיף עליו . שבא לומר הואיל וניתן רשות להוסיף אוסיף גם אני כל מקום שארצה : הרי זה מחרף . מבזה את המקום ומשנה את דבריו ואונקלוס כשהוסיף לא מדעתו הוסיף שהרי בסיני ניתן (התרגום) אלא שנשתכח וחזר ויסדו כדאמרינן במגילה ובוס שכל זה תרגום :

הלכות . הלכה למשה מסיני : תורה . קס"ד תורה שבכתב : מדרש ספרא וספרי שהן הלכות

יאך פון תורה לערנען . וואסער מיינט מען דיא תורה . אונ אזוי וויא דער מענטש ווערט געשטראפט פריער אויף ניט תורה לערנען . דער נאך ווערט ער געשטראפט אויף ניט מצות טאהן . אזוי אז מען גיט דעם מענטשין שכר . פריער גיט מען אים שכר אויף תורה לערנען . דער נאך גיט מען אים שכר אויף מצות טאהן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט זייא געגעבין דיא לענדער פון דיא פעלקער . אונ דיא רייכקייט פון דיא פעלקער האבען זייא גירשת . זייא זאלין היטען זיינע געזעץ . זייא זאלין לערנען דיא תורה . אונ זייא זאלין היטען זיינע לערנונג . דאס מיינט מען זייא זאלין טאהן מצות : פיסקא . אין דער משנה שטייט דער וואס האט ניט גילערנט תנ"ך אונ ניט משניות אונ האנדילט ניט ערליך אונ טוהט גיט קיין מלאכה נאר ער גייט ארום ליידיג . דער טויג ניט צום בעזיצונג פון דער וועלט . רבי יוחנן זאגט ער איז פסול צו זיין אעדות . דיא רבנן האבען גילערנט דער וואס עסט אין גאס איז ער גלייך צוא אהונט . אונ אנדערע זאגין ער איז פסול צו זיין אעדות . רב אידי בר אבין זאגט דער דין איז ער איז פסול צוא עדות . בר קפרא האט געדרשת דער כעסן האט ניט מער פארדינט מיט זיין כעס . נאר וואס ער האט זיך אויף גיגעסין דיא הארץ זיינע . ווארום מיט גוטען מאכט מען בעסער וויא מיט בייזין . אונ דעם גוטען מענטש גיט מען דיא פרוכט פון זיינע מעשים אויף דער וועלט . אונ דער מענטש וואס האט ניט גילערנט תנ"ך אונ ניט משניות אונ האנדילט ניט ערלאך אונ טוהט ניט קיין מלאכה . נאר ער גייט אום ליידיג . זאלסטו אנדר טאהן דו זאלסט פון דעם מענטש קיין הנאה ניט האבען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דו זאלסט ניט זיצען מיט דיא מענטשין וואס לאכין פון תורה אונ מצות . אונ דער מענטש וייל ער האט גאר ניט גילערנט אונ ארבעט ניט אונ האנדילט ניט ערליך . איז ער אויך ארשע אונ לאכט פון תורה אונ מצות . דריבער זאלסטו מיט אים קיין בהעפטונג ניט האבען :

## פרק שני

**א** תניא . מיר האבען גילערנט רבי יהודה זאגט דער וואס טייטשט אפסוק אזוי וויא ער איז געשריבען . איז ער אליגנער . אונ דער וואס זאגט אויף דעם פסוק מער וויא עס שטייט אין אים . לעסטערט ער גאט . ווארום ער זאגט וואס גאט האט ניט גזאגט :

**ב** על מנת . אז איינער זאגט צוא אאשה דו זאלסט צו מיר מקודש ווערין ודו זאלסט ווערין

מיין

הלכות רבי יהודה אומר מדרש (ע"נ) מאי תורה מדרש תורה וה"מ דאמר לה תנינא אבל אם אמר לה תנא אנא עד דתני הילכתא ספרא וספרי ותוספתא. ע"מ שאני תלמיד אין אומרים (כבן) [כשמעון בן] עזאי או [כשמעון] בן זומא אלא כל ששואלים אותו בכ"מ דבר אחד בתלמודו ואומרו ואפילו במסכת כלה. ע"מ שאני חכם אין אומרים כחכמי יבנה כר"ע וחבריו אלא כל ששואלים אותו דבר חכמה בכל מקום ואומרה.

על מדרשי (ספר ויקרא) [מקראות]: כ"ג. מאי תורה מדרש תורה: בן עזאי ובן זומא. תלמידים היו ובחורים ולא באו לכלל סמיכה ולא היה בימיהם כמותם בתורה כדתנן משמת בן עזאי בטלו השקדנים: בכל מקום. בכל מן המקומות: ואפילו במסכת כלה. שאין עומק בה וברייתא היא וכך היא שנויה כלה בלא ברכה אסורה לבעלה כנדה: דבר חכמה. מילתא דהלכתא בסברא: כר"א בן חרסום. אמרינן במסכת יומא שהניח לו אביו אלף ספינות בים וכנגדן אלף עיירות ביבשה: ראב"ע. י"ב אלפים עגלים היה מעשר מעדרו כל שתא:

ע"מ שאני גבור אין אומרים כאבנר בן נר וכיואב בן צרויה אלא כל שחביריו מתייראין ממנו מפני גבורתו. על מנת שאני עשיר אין אומרים כרבי (אליעזר) [אלעזר] בן חרסום וכרבי אלעזר בן עזריה אלא כל שבני עירו מכבדים אותו מפני עשרו. ע"מ שאני צדיק אפילו רשע גמור מקודשת שמא הרהר תשובה בדעתו. ע"מ שאני רשע אפילו צדיק גמור מקודשת

שמא

---

מיין ווייב אויף דעם תנאי אז איך בין אשונה. דאס הייסט איך בין אזוי אלערנער וואס מען רופט דאס אויף לשון קודש שונה. וועלכעס לערנען רופט מען שונה. חזקיהו זאגט ער זאל לערנען דיא דינים וואס נאט האט גזאגט צו משה אויף דעם בארג סיני אויסווייניג. רבי יוחנן זאגט ער זאל לערנען תורה. והאט מען געמיינט אז תורה איז די געשריבענע תורה. חומש. פרעגט די גמרא מיר האבען געלערנט וואס הייסט משנה דאס איז דיא זעלביגע וויא שונה). רבי מאיר זאגט די דינים וואס גאט האט גזאגט צו משה אויף דעם בארג סיני אויסווייניג. רבי יהודה זאגט מדרש. אבער אז שונה זאל קען מיינען חומש. דאס זאגט קיינער נישט. איז דאך אקשיא אויף רבי יוחנן. ענפערט דיא גמרא וואס רבי יוחנן זאגט תורה מיינט ער ניט חומש. נאר ער מיינט וואס עס ווערט גידרשת אויף דעם חומש. ספרא ספרי. דאס האט ער גילערנט. און דאס איז נאר אז ער האט גזאגט צוא איר תנינא (אדער שונה): אבער אז ער האט גזאגט צוא איר איך בין אתנא. מוז ער האבען גילערנט דיא דינים וואס גאט האט גזאגט צוא משה רבינו אויס ווייניג אויף דעם בארג סיני. און ער מוז האבען גילערנט ספרא און ספרי און תוספתא. אז איינער זאגט צו אאשה דוא זאלסט צוא מיר מקודש ווערין ודוא זאלסט זיין מיין ווייב) אויף דעם תנאי אז איך בין אתלמיד. זאגין מיר ניט ער זאל זיין אזוי אתלמיד וויא שמעון בן עזאי אדער וויא שמעון בן זומא. נאר אז מען פרעגט אים אזאך פון לערנען און ער וויים צו זאגין אין אלע מסכתות אפילו אין דער מסכת כלה. הייסט ער אתלמיד. אז איינער זאגט צוא אאשה דו זאלסט צוא מיר מקודש ווערין ודוא זאלסט זיין מיין ווייב) אויף דעם תנאי אז איך בין אחכם. זאגין מיר ניט ער דארף זיין אחכם אזוי וויא דיא חכמים פון יבנה. אדער אזוי וויא רבי עקיבא מיט זיינע חברים. נאר אז מען פרעגט אים אקלוגע זאך פון וועלכע זאך עס איז און ער וויים צו זאגין. הייסט ער אחכם. אז איינער זאגט צו אאשה דוא זאלסט צוא מיר מקודש ווערין ודוא זאלסט זיין מיין ווייב) אויף דעם תנאי אז איך בין אשטארקער. זאגין מיר ניט ער דארף זיין אזוי שטארק אזוי ווי אבנר בן נר. אדער אזוי וויא יואב בן צרויה. נאר אז זיינע חברים האבען מורא פאר אים ווייל ער איז שטארקער פאר זיא. הייסט ער אשטארקער. אז איינער זאגט צוא אאשה דו זאלסט צוא מיר מקודש ווערין ודוא זאלסט זיין מיין ווייב) אויף דעם תנאי אז איך בין רייך: זאגין מיר ניט ער דארף זיין רייך אזו ווי רבי אלעזר בן חרסום. אדער וויא רבי אלעזר בן עזריה. נאר אז ער איז רייך אז דיא מענטשין פון זיין שטאט גיבען אים כבוד פון וועגין זיין רייכקייט. הייסט ער שוין רייך. אז איינער זאגט צוא אאשה דוא זאלסט צוא מיר מקודש ווערין (דוא זאלסט זיין מיין ווייב) אויף דעם תנאי אז איך בין אצדיק. אפילו מיר וויסין אז ער איז בית איצט גיוועזן אמתר רשע. פון דעסטוועגין איז זיא מקודש. טאמער האט ער גיטראכט תשובה צו טאהן.

אונ

שמא הרהר דבר ע"ז בלבו :

ג **עשרה** קבין חכמה ירדו לעולם תשעה נטלה א"י ואחת כל העולם כולו עשרה קבין יופי ירדו לעולם תשעה נטלה ירושלים ואחת כל העולם כלו עשרה קבין עשירות ירדו לעולם תשעה נטלה (רוסי) [רומיים קדמונים] ואחד כל העולם כילו עשרה קבין עניות ירדו לעולם תשעה נטלה בבל ואחד כל העולם כילו י' קבין גסות הרוח ירדו לעולם ט' נטלה עילם ואחד כל העולם כולו ונסות לבבל לא נחית והכתיב (זכריה ה) ואשא עיני ואראה והנה שתים נשים יוצאות ורוח בכנפיהם ולהנה כנפים ככנפי החסידה ותשנה את האיפה בין הארץ ובין השמים ואומר (למלאך) [אל המלאך] הדובר בי אנה המה מוליכות את האיפה ויאמר אלי לבנות לה בית בארץ שנער וא"ר יוחנן זו חנופה וגסות הרוח שירדה לבבל אין לרכא נחית ואשתרבובי הוא דאשתרבוב להתם דיקא נמי דכתיב לבנות לה בית ש"מ . איני והא אמר מר סימן לגסות הרוח עניות ועניות בבבל הוא

חכמה . תורה ודרך ארץ: האיפה . לעיל מניה כתיב זאת הרשעה וישלך אותה אל תוך האיפה יאה"ר שממכר בידם הסליכו בתוכה כדאמרינן בסנהדרין שהיה בדודא דהככא ואלו שתי נשים כשאו יאה"ר של חניפה וגסות הרוח כדכתיב ורוח בכנפים היא גסות הרוח וחנופה נראה בעיני דדייק לה מכנפי החסידה שעושה חסידות עם חבריה כדאמרינן באלו טרפות : להכא . לבבל : לנסתם : לעילם : דיקא נמי דכתיב לבנות לה בית . גבי חלכם כתיב לה שתי נשים וגבי קביעותא כתבא לגסות בית לקבוע בבבל כתיב לה דהיינו חנופה לחודה ל"ה

---

און אז ער האט גזאגט אויף דעם תנאי אז איך בין אַרשע . אפילו מיר ווייסען אז ער איז ביז איצט געוועזען אַאמתר צדיק . פון דעסטוועגין איז זיא מקודש . טאמער האט ער איצט געטראכט צו דינען עבודה זרה :

ג עשרה : צעהן מאס חכמה איז אראפ געקומען אויף דער וועלט . ניין מאס חכמה האט גינומען ארץ ישראל . און איין מאס חכמה האט גינומען דיא גאנצע וועלט . צעהן מאס שיינקייט איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט . ניין מאס שיינקייט האט גינומען ירושלים . און איין מאס שיינקייט האט גינומען דיא גאנצע וועלט : צעהן מאס רייכקייט איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט . ניין מאס רייכקייט האט גינומען רוים . און איין מאס רייכקייט האט גינומען די גאנצע וועלט . צעהן מאס ארעמקייט איז אראפ געקומען אויף דער וועלט . ניין מאס ארעמקייט האט גינומען בבל . און איין מאס ארעמקייט האט גינומען דיא גאנצע וועלט . צעהן מאס גאוה (גרויסקייט) איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט . ניין מאס גרויסקייט האט גינומען עילם . און איין מאס גרויסקייט האט גינומען דיא גאנצע וועלט : פרעגט דיא גמרא און אין בבל האט ניט גענידערט קיין גרויסקייט . עס שטייט דאך אין פסוק איך האב אויף גיהויבען מיינע אויגין און איך האב גיזעהן צוויי ווייבער גייען ארויס . און זייא טראגין אזוינט אין זייערע עקין קריידע . און זייא האבען פליגעל אזוי וויא דיא פליגיל פון דיא פויגיל החסידה . און זייא האבען גיטראגין דיא מאס אין דער לופטין צווישען ערד און הימעל . האב איך גזאגט צום מלאך וואס האט מיט מיר גירעט וואו הין פירען זייא דיא מאס . האט דער מלאך צוא מיר גזאגט צו באהען אשטוב אין בבל . האט רבי יוחנן גזאגט דיא צוויי ווייבער איז אמשל . איינע מיינט מען חניפה . דאס פאלשע חנפנן . וואס איינער חנפת און שמייכולט זיין חבר . און די אנדערע ווייב מיינט מען דיא גאוה (דאס שטאלצקייט) . זייא זענען גיגאנגען באען אהוז מען אין בבל . מיינט זיי זאלין זיך בזעצען אין דיא מענטשין פון בבל . זעהן מיר אזדיא מאס גרויסקייט איז גיקומען אין בבל . ענטפערט דיא גמרא גיקומען איז טאקי דיא גרויסקייט אין דער מדינה בבל . נאר פון דר מדינה בבל איז זיא פאר שלעפט גיווארין אין עילם . איך העל דיר ווייזין אז עס איז אזוי . וואָרום אין פסוק שטייט צוא באהען איר אשטוב . נאר פאר איינע פאר חניפה אליין הט מען גיבאהט אשטוב אין בבל . אבער גאוה איז גיג גגען אין עילם . פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי . דער תנא האט דאך גזאגט אסימן צו ווייסען אויף אמענטשין אז ער איז גרוים ביי זיך . אז ער איז ארעם . און ארעמקייט איז דא אין בבל : איז דאך גרויסקייט אויך אין בבל . ענטפערט

דיא

הוא דאיכא מאי ענוות דתורה דכתיב (שה"ש ח) אחות לנו קטנה ושדים אין לה וא"ר יוחנן זה עילם שזכתה ללמוד ולא זכתה ללמד. י' קבים גבורה ירדו לעולם תשעה נטלו פרסיים וכו'. עשרה קבין כנים ירדו לעולם תשעה נטלה מדי וכו'. עשרה קבין כשפים ירדו לעולם תשעה נטלו מצרים וכו'. עשרה קבין נגעים ירדו לעולם תשעה נטלו חזירים וכו'. עשרת קבין זנות ירדו לעולם תשעה נטלו ערבים וכו'. עשרה קבין עזות ירדו לעולם תשעה נטלה מישן וכו'. עשרה קבין שיחה ירדו לעולם תשעה נטלו נשים וכו'. עשרה קבין שחרות ירדו לעולם תשעה נטלת כושים וכו'. עשרה קבין שינה ירדו לעולם תשעת נטלו עבדים וא' נטלו כל העולם כולו:

(דף נג) **ד' והא** תניא הצנועין מושכין את ידיהם והגרגרנים חולקים מאי חולקים

**ח' טפים** כדקתני סיפא מעשה באחד שחטף חלקו וחלק חבירו והיו קוראין אותו בן חמצן עד יום מותו אמר רבה בר שילא מאי קראה (תהלים עא) אלהי פלטני מיד

גבאה ולא כמו : מאי ענוות. דהו"ל כימא לגבות כרוה : ענוות דתורה. דאיכא טפי על גבי הרוה דאיוך גבוהן אין מבחבין כל נרכן ואין מהדרים על שמועתם : דכתיב אחות לנו קטנה. אלמא ענוות דתורה בעילם הוא שהיה גם דניאל כדכתיב ואני הייתי בשושן הבירה אשר בעילם המדינה וכן מרדכי ולא היה דורש עוסק בתורה ולא זכו אלו השנים ללמד כאילו לא היה להם צריך להאריך אבל בבל זכתה ללמד כדכתיב כי עזרא הכין (לבו) את לבו לדרוש את תורת ה' וללמד (לישראל) [בישראל] חק ומשפט : עזות. ממזרות : ט' נטלה מישן. רובן ממזרים כדאמריק לקמן גבי יוחנן כו' ובבינתי פ"ק דיבמות :

הצנועין מושכין ידיהם. ממנו גבי לחם הפנים תניא מ' שנים בבימה במשמן הגדיך כשהלחם נרפה לחם הפנים וכל כהן המגיעו כזית יש אוכל ובכא יש אוכל ומותיר מכאן והילך נתהלתה מארה בלחם הפנים וכל כהן המגיעו כפול הצנועין מושכין ידיהם ממנו דלא מהני כבו עידי והגרגרנים חולקים וקס"ד דהאי חולקין להו נטול חלקי המגיעו קאמר כיון דכ. הם כו מארה כפול נמלי הני הנה הולקין דרך עילוי מגית חלק ו להכיהו ויאכל כנגדו במקום אחר אלמא איה כאו דין הגוקה וע"כ כא ר"י הוה דאמר ממונו כוחי ומשני לעולם אין בו דין הגוקה ומאי חולקין חטפו המגיעו קאמר וכדאמר בוט לו הוטף חלק חבירו ואוכל והא דתק במסכת סוכה הנכנסים חולקים בגפין הלקו המגיעו קאמר ובעוד שהיתה בו ברכה : מאי קראה.

---

דיא גמרא וועלכע ארעבקייט מיינט מען. ארעמקייט תורה . דער מענטש וואס איז גרוים ביא זיך פאר לירט ער דיא חכמה פון דער תורה. אונ אין בבל איז דא תורה. איז אסימן אז עס איז ניטא קיין גאוה. אונ אין פסוק שטייט מיר האבען אקליינע שוועסטער זיא האט ניט קיין בריסט. האט רבי יוחנן געזאגט דאס מיינט מען דיא מדינה עילם זיא האט זוכה געוועזען צוא לערנען תורה פאר זיך. אונ זיא האט ניט זוכה געוועזען צוא לערנען תורה מיט אנדערע. דם הייסט זיא האט ניט געהאט קיין בריסט צוא געבין זייגין. דריבער איז אסימן אין עילם איז דא גאוה. צעהן מאס שטארקייט איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען גענומען פערסיע. אונ איין מאס דיא גאנצע וועלט. צעהן מאס כנים (לייז) איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען גינומען מדי. אונ איין מאס דיא גאנצע וועלט. צעהן מאס כישוף איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען גינומען מצרים אונ איין מאס די וועלט. צען מאס קרעץ איז גקומען אוף דער וועלט. ניין מאס האבען גינומען חזירים. אונ איין מאס דיא גאנצע וועלט צעהן מאס זנות איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען גינומען די אראבער. זייא זענען פיל מזנה: אונ האבען פיל ווייבער. אונ איין מאס האט גינומען דיא גאנצע וועלט צעהן מאס עזות איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האט גינומען מישן. זייא זענען גרויסע עזות פנימער. אונ איין מאס האט גינומען דיא גאנצע וועלט. צעהן מאס רייד איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען גינומען ווייבער אונ איין מאס האבען גינומען מאנס לייט. צעהן מאס שווארצקייט איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען גינומען די מענטשן פון כוש. אונ איין מאס האט גינומען די גאנצע וועלט. צעהן מאס שלאף איז אראפ גיקומען אויף דער וועלט. ניין מאס האבען גינומען קנעכט. אונ איין מאס האט גינומען דיא גאנצע וועלט.

ד' והא. דיא גמרא פרעגט מיר האבען גילערנט דיא פרומע האבען אפ גיצויגין דיא הענט פון דעם לחם הפנים אויב עס איז זייא אן גיקומען אקליינע שטיקול. אונ דיא פרעסערס חולקים האבען גיטיילט איז אקשיא אויף רבי יהודה אין דער גמרא. ענטפערט דיא גמרא חולקים מיינט מען איינער האט גיחאפט זיין חברס חלק. אזוי וויא עס ווייטער שטייט. עס האט גימראפין איינער האט גיחאפט זיין חלק אונ זיין חברס חלק. האט מען אים גירופין בן חמצן (גזלן) ביז ער

רשע כשך כעול וחומץ (רבא) [רבה] אמר מהכא (ישעיה א) למדו היטב דרשו משפט אשרו חמוץ: (דף נז) **ה תניא** שמעון העמסוני [ואמרי לה נחמיה העמסוני] היה דורש כל אתין שבתורה כיון שהגיע (דברים ו) לאת ה' אלהיך תירא פירש אמרו לו תלמידיו רבי כל אתין שדרשת מה תהא עליהם אמר להם כשם שקבלתי שכר על הדרישה כך אקבל שכר על הפרישה עד שבא ר' עקיבא ולמד את ה' אלהיך תירא לרבות ת"ח:

(דף נב ע"ב) **ו ת"ר** לאחר פטירתו של ר' מאיר אמר להם ר"י לתלמידיו אל יכנסו תלמידי ר"מ לכאן מפני שקנתרנים הם ולא ללמוד תורה הם באים אלא לקפחני בהלכות הם באים דחק סומכוס ונכנס אמר להם כך שנה לי ר' מאיר המקדש בחלקו בין בקדשי קדשים ובין בקדשים קלים לא קדש כעס ר' יהודה [עליהם] אמר להם לא כך אמרתי לכם אל יכנסו תלמידי רבי מאיר לכאן מפני שקנתרנים הם ולא

דחמץ לי חמוץ: אשרו חמוץ. כתיקו יד ספוק; להלין מיד עושקו ולא אשרו החומץ לא גרסינן הכא אלא בב"ק גבי מנין שמזיקין להוציא מחלוף: היה דורש כל אתין שבתורה. לרבויא: פירש. שהיתה לרבות שום דבר להשוותו למותו. קנתרנים. מקניטים: לקפחני. כמו לקפחת פוקו

---

איז געשטארבן. רבה בר שילא האט געזאגט ווא שטייט אין פסוק אז המצן איז טייטש אגזלן, דוד המלך האט געזאגט מיין גאט רעטע מיך פון דיא האנט פון רשע אונ פון דיא האנט פון דעם פארקריטטען וחומץ אונ פון גזלן. רבה זאגט פון דעם פסוק לערונט איך גוט זיין פארשט דעם משפט. אשרו חמוץ. שטארקט דעם גירויבטען:

**ה** תניא. מיר האבען גילערנט שמעון העמסוני אנדערע זאגין נחמיה העמסוני האט גידרשת אלע ווערטער את וואס עס שטייט אין דיא תורה. אז דער ווארט את זאל מערין נאך אזאך וואס עס שטייט ניט אין דיא תורה. וויא ער איז גיקומען צום את ה' אלהיך תירא. דו זאלסט מורא האבען פאר גאט. האט ער ניט גיוואסט וואס צו דרשנן פון דעם ווארט את. פאר וועמען זאל מען נאך מורא האבען אויסער גאט. האבען זיינע תלמידים צו אים גיזאגט. רבי אזוי וויא מען קען ניט דרשנן דעם את פון את ה' אלהיך תירא. אזוי קען מען ניט דרשנן אלע אתין פון דער תורה. וואס וועט זיין מיט דיא אלע אתין וואס דו האסט גידרשת. האט ער גיזאגט צו זייא אזוי וויא איך האב גינומען שכר אויף דעם דרשנן. אזוי וועל איך נעמען שכר אויף מיין אפ שיידין וואס איך וויל שוין ניט דרשנן. ביז רבי עקיבא איז גיקומען אונ ער האט גידרשת דעם את פון את ה' אלהיך תירא. מען מיינט מען זאל מורא האבען פאר תלמידי חכמים אזוי וויא מען האט מורא פאר גאט:

**ו** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט דער נאך וויא רבי מאיר איז געשטארבן. האט רבי יהודה גיזאגט צוא זיינע תלמידים דיא תלמידים פון רבי מאיר זאלין ניט קימען אין מיין בית המדרש. ווייל זייא זענען קריגערס. זייא ווערלין ניט קימען לערנען תורה. זייא ווילין גאר קומען קריגען אויף דיא דינים וואס איך לערין מיט אייך. זייא ווילען נאר ווייזען אז זייא קענען בעסער לערנען פאר אונז. סומכוס איז גיוועזען אתלמיד פון רבי מאיר האט ער זיך אריין גיקוועטשט צווישען דיא תלמידים פון רבי יהודה אונ איז אריין גיקומען אין בית המדרש. אונ ער האט גיזאגט צו דיא תלמידים פון רבי יהודה. אזוי האט רבי מאיר מיט מיר גילערנט אז אכהן האט גינומען אחלק פון דיא קרבנות. אונ מיט דעם חלק האט ער מקדש גיוועזען אאשה. סיי דער חלק פלייש איז גיוועזען פון קדשי קדשים פון אחטאת אדער פון אאשם. אונ סיי דיא פלייש איז גיוועזען פון גרינגע קדשים פון שלמים אדער נאך אזעלכע קרבנות). איז דאס ווייב ניט מקודש גיווארין צום כהן: איז רבי יהודה אין כעס גיווארין אויף זיינע תלמידים. אונ ער האט גזאגט צו זייא האב איך דען אייך ניט גיזאגט אז דיא תלמידים פון רבי מאיר זאלין ניט אריין קימען אין בית המדרש. ווייל זייא זענען קריגערס: זייא קומען ניט לערנען תורה. זייא קומען גאר קריגען אויף דיא דינים וואס

איך

ולא ללמוד תורה הם באים אלא לקפחני בהלכות הם באים וכי אשה בעזרה מנין אמר רבי יוסי יאמרו מאיר שכב יהודה כעס יוסי שתק [דברי] תורה מה תהא עליה וכי אין אדם עשוי לקבל קדושין לבתו בעזרה ואין אשה עשויה לעשות לה שליח לקבל קדושיה בעזרה ועוד דחקה ונכנסה מאי ׃

## האומר פרק שלישי

(דף נט) **א רב** גידל הוה מהפך בההוא ארעא אזיל ר' אבא זבנה אזיל רב גידל קבליה לר' זירא אזיל ר' זירא וקבליה לר' יצחק נפחא אמר ליה המתן עד שיעלה (עמנו) [אצלנו] לרגל כי סליק אשכחיה א"ל עני המהפך בחררה ובא אחר ונטלה הימנו מאי א"ל מיקרי רשע ואלא מר מאי טעמא עביד הכי א"ל לא הוה ידענא השתא נמי ניתבה ניהליה מר א"ל זבוני לא מזבינא לה דארעא קמייתא הוא

נקט תלים כנלמת להודיעם שהם חריפים ולאו עומד כנגדם : וכי אשה בעזרה מנין . דקתני קדשי קדשים והרי אינה יוצאה חוץ לעזרה אפי' לעזרת נשים והם נפסלים ביוצא ונשים אין נכנסות לה כדתנן במסכת כלים מעלות הטומאות בפ"ק דמס' כלים : לבהו . לכהן דגרסי' : דחקה ונכנסה מהו . וכי לא הולכתו נכהול נכנסת"ד מה יאמרו [אלא] קדשה אם קדושין הם אם לאו :

מהפך נכסיה ארעא. מחזר עליה לקנותה : קבליה . קבל עליה סיפור דברי נעקתו גר' זירא : לרגל . שמחדשים בהולמה הרגל היו מקבלים פני הרב : עני המהפך בחררה . מחזר אחריה לזכות בה מן ההפקר או בירושה לו בעל הבית : נטלה הימנו . שהוד לאו הגברו : לא הוה ידענא . שבא גידל מהעסק בה :

---

איך לערין מיט אייך . וויא אזוי קומט ארייז אאשה אין דיא עזרה . דער כהן זאל איר דארט מקדש זיין מיט דיא פלייש פון קדשי קדשים . אונ אויב דער כהן האט ארויס גיטראגין דיא פלייש פון דיא עזרה . צו דעם ארט ווא דיא אשה איז גישטאנען . איז דיא פלייש פסול גיווארין אונ מען דארף דיא פלייש פאר ברענגען . איז דאך דיא פלייש גאר ניט ווערט . קען מען דאך ניט מקדש זיין אאשה מיט דיא פלייש . האט רבי יוסי גיזאגט מען וועט זאגין מאיר איז גישטארבען . יהודה איז אין כעס . יוסי האט געשוויגען . וואס וועט זיין מיט דיא תורה . ווער וועט לערנען מיט דיא תלמידים תורה . אונ אויף דיא קשיא פון רבי יהודה איז דא אתירוץ . קען דען ניט זיין דער כהן האט גיגעבין זיין חלק פלייש אין דער עזרה צוא איין אנדער כהן אז דיא פלייש זאל זיין קידושין פאר זיין טאכטער : אונ אפאטער קען צוא נעמען קידושין פאר זיין טאכטערס וועגין . אדער אאשה האט ארייז געשיקט אפרעמדין מענטש ניט איהר פאטער אין דער עזרה ער זאל זיין איר שליח צוא נעמען דיא פלייש פון דעם כהן . אונ דאס זאל זיין אירע קידושין . אונ אזוי ווא דער שליח נעמט גאר דיא פלייש . איז שוין דיא אשה מקודש צום כהן . אדער דיא אשה איז ארייז גיגאנגען אין דיא עזרה אפילו זיא טאר ניט . אונ דער כהן האט איר דארט מקדש גיוועז מיט דיא פלייש פון קרבן . דארף מען דאך וויסען אויב זיא איז מקודש אדער ניין ׃

## פרק שלישי

**א** רב גידל האט גידונגען אפעלד ער האט איר גיוואלט קויפין . נאר דער פארקויפער האט גיוואלט מער געלט . אונ רב גידל האט גיוואלט געבין ווייניגער . דער וויל איז גיגאנגען רבי אבא אונ האט גיקויפט דיא פעלד . איז גיגאנגען רב גידל צוא רבי זירא אונ האט גיקלאגט פאר רבי זירא אויף רבי אבא . פאר וואס ער האט גיקויפט דיא פעלד וואס ער האט גידונגען . איז גיגאנגען רבי זירא אונ האט דער ציילט דיא זאך פאר רבי יצחק נפחא . האט רבי יצחק נפחא גיזאגט צוא רבי זירא ווארט ביז יום טוב וועט רבי אבא צוא אונז קומען וועלין מיר אים פרעגין . וויא רבי אבא איז גיקומען . האט רבי יצחק אים גיטראפען . אונ האט גיזאגט צו אים ווי איז דער דין אז אארעם מאן איז גיקומען צוא אבעל הבית אונ האט גיבעטין ביי אים ער זאל אים שיינקען אקיכול . אונ ווען קיינער וואלט ניט קומען . וואלט דער בעל הבית אים גיגעבין דאס קיכול . איז גיקומען איין אנדרע ער אונ האט אויס גיבעטולט דאס קיכול פון בעל הבית . אונ האט דעם קיכול צוא גינומען . מעג מען אזוי . צוא ניין . האט רבי אבא גיזאגט דער אנדערער איז ארעם

מאן

הוא לא מסמנא מלתא אי בעי לה במתנה נישקליה רב גידל ראו נהית לה דכתיב (משלי טו) ושונא מתנות יחיה ר' אבא לא נחית לה משום דהפך בה רב גידל לא מר נחית לה ולא מר נחית לה ומתקריא ארעא דרבנן:

(דף סא) **ב מתני'** ר"מ אומר כל תנאי שאינו כתנאי בני גד ובני ראובן אינו תנאי שנאמר (במדבר לב) ויאמר אליהם אם יעברו בני גד ובני ראובן וכתיב ואם לא יעברו חלוצים ר' חנינא בן גמליאל אומר צריך הדבר לאומרו שאלמלא כן יש במשמע שאפילו בארץ כנען לא ינחלו (ע"ב) בשלמא לר"מ היינו דכתי' (בראשי' ד) אם תיטיב שאת ואם לא תיטיב לפתח חטאת רובץ אלא לר"ח ל"ל סד"א אם תיטיב אגרא אם לא תיטיב לא אגרא ולא דינא קמ"ל

דארעא קמייתא . ראשונה שלקחתי מטולם : [מה מכמאה מנתא] . אינו סימן טוב בימכור אדם מקחו הראשון : ארעא דרבנן . הפקר לתלמידים : כל תנאי שאינו כפול . רחב"ג אומר . אהנאי כפול פליג וכו' : שאת . משאת שכר : ואם לא תיטיב לפתח . פורענות מוכנת לבא אלמא כפילא בעינא ואם לא כפלה מכי אמר אם תיטיב שאת כוס שמעינן דאפילו אם לא היטיב מני באה דתנאי שלא כפלו איש מבטל מתנה : למה לי . אם לא תיטיב משמע מכללא : סד"א וכו' . כלו' מכללא לא הוה נפקא לן אלא ביטול מתנה הא אם לא תיטיב לא תבא שכר גופרענות נמי לא תקבל לכך אצטריך

---

מאן הייסט אַרְשָׁע . האט רבי יצחק געזאגט צו רבי אבא פאר וואס האסטו אזוי געטאהן . דוא האסט געקויפט דיא פעלד וואס רב גידל האט געדונגען . האט רבי אבא געזאגט איך האב ניט געוואוסט אז רב גידל דינגט דיא פעלד . האט רבי יצחק געזאגט צוא רבי אבא גיב איצט אוועק דיא פעלד צוא רב גידל . ער וועט דיר צוריק געבין דאס געלט וואס דוא האסט פאר איר געגעבין . האט רבי אבא געזאגט פאר קויפען דיא פעלד וועל איך ניט . ווארום דאס איז די ערשטע פעלד וואס איך האב געקויפט . אז איך וועל זיא פאר קויפען איז ניט קיין גוטער סימן . אויב ער וויל וועל איך זיא אים שיינקען . רב גידל איז נישט אריין געגאנגען אין דיא פעלד . ווייל עס שטייט אין פסוק דער וואס האט פיינט מען זאל אים שיינקען . דער וועט לעבין . רבי אבא איז נישט אריין געגאנגען אין דיא פעלד . ווייל רב גידל האט איר געדונגען . נישט רבי אבא איז אריין געגאנגען אין דיא פעלד . אונ נישט רב גידל איז אריין געגאנגען אין דיא פעלד . איז די פעלד געוועזן הפקר פריי פאר אלע רבנן . אונ מען האט דיא פעלד גערופין . דיא רבנן פעלד :

**ב** רבי מאיר זאגט . יעדער תנאי וואס ער איז ניט אויס גירעדט וויא דער תנאי פון בני גד אונ בני ראובן איז געוועזן . איז ער ניט קיין תנאי . אזו וויא עס שטייט אין פסוק משה האט געזאגט צוא דיא יודין אויב דיא בני גד אונ בני ראובן וועלין אריבער גיין דעם ירדן . זאלין זיא נעמען זייער חלק אויף דער זייט ירדן . אונ אויב זייא וועלין ניט אריבער גיין דעם ירדן גיוואפינט זאלין זייא ניט נעמען קיין חלק אויף דער זייט ירדן . אזוי בייא יעדער תנאי מוז אויס גירעט ווערין אויב מען וועט מקיים זיין דעם תנאי זאל אזוי זיין . אונ אויב מען וועט ניט מקיים זיין דעם תנאי זאל ניט אזוי זיין . רבי חנינא בן גמליאל זאגט דארט האט משה רבינו גימוזט זאגין דעם תנאי טאפיל אויף יא אונ ניין . ווארום אז ער וואלט ניט אזוי זאגין . אז זייא וועלין ניט אריבער גיין דעם ירדן גיוואפינט זאלין זייא ניט נעמען אויף דער זייט ירדן נאר אין ארץ כנען . וואלט מען גימיינט פון דיא ערשטע רייד אויב זייא וועלין ניט אריבער גיין דעם ירדן גיוואפינט . זאלין זייא אפילו אין ארץ כנען אויך ניט נעמען קיין חלק . דריבער האט גימוזט משה רבינו זאגין אז אפילו זייא וועלין ניט אריבער גיין דעם ירדן גיוואפינט זאלין זייא אויך נעמען א חלק אין ארץ ישראל . אבער ביי איין אנדער תנאי דארף מען ניט מער זאגין נאר אויב מען וועט מקיים זיין דעם תנאי וועט אזוי זיין . וועט מען שוין אליין וויסען אויב מען וועט ניט מקיים זיין דעם תנאי וועט ניט אזוי זיין . זאגט דיא גמרא נאך רבי מאיר האט ער זאגט אז מען דארף טאפלען דעם תנאי . איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אויב דוא וועסט גוט זיין וועט מען דיר מוחל זיין . אונ אויב דוא וועסט ניט גוט זיין וועט ליגען דיא זינד ביי דיר :

אבער

קמ"ל בשלמא לר"מ ה"ד (סס כד) אז תנקה מאלתי וגו' וכו' בשלמא לר"מ היינו דכתיב (ויקרא כו) אם בחקותי תלכו ואם בחקותי תמאסו אלא לרחב"ג ל"ל אצטריך סד"א אם בחקותי תלכו ברכה ואם בחקותי תמאסו לא ברכה ולא קללה קמ"ל בשלמא לר"מ היינו דכתיב (ישעיה א) אם תאבו ושמעתם ואם תמאנו ומריתם אלא לרחב"ג למה לי אצטריך סד"א אם תאבו טוב ואם תמאנו לא טובה ולא רעה קמ"ל מאי (דף סב) חרב תאכלו אמר רבא מילחא גלגניתא נהמא דשערי אקושא ובצלי דאמר מר פת פורני חריבה במלח ובצלים קשים לגוף כהרבות:

בשלא דימא דפורענותא: למה לי אם בחקותי תמאסו. נשמע מכלל ברכה קללה: גלגניתא. גבה: ינאי המלך. מן החכמים של חשמונאי הוה: לכוחלי'. שם מדינה שבמדבר: מלוחין. ירקות הן ושמן קקולי בלשון ארמי [כמון] הקוצפים מלוח עני בית: כשהיו עסוקים בבנין בית שני. שבאו מן הגולה והיו עניים מוציאין הוצאות במלאכה: ואף אנו נאכל מלוחים. להיות זכר לעני אבותינו ולהודות

(דף סו) ג תניא כעשה בינאי המלך שהלך לכוחלי' שבמדבר וכבש שם ששים כרכים ובחזרתו היה שמח שמחה גדולה שלח וקרא לכל חכמי ישראל אמר להם אבותינו היו אוכלים מלוחים בזמן שהיו עסוקים בבנין בהמ"ק אף אנו נאכל מלוחים זכר לאבותינו והעלו מלוחים על שלחנות של זהב ואכלו היה שם אדם אחד איש לץ לב רע ובליעל ואלעזר

---

אבער נאך רבי חנינא צוא וואס דארף מען זאגן יא און ניין. ענטפערט דיא גמרא איך וואלט מיינען אויב דוא וועסט גוט זיין וועסטו האבען שכר. און אויב דוא וועסט ניט גוט זיין וועסטו ניט האבען קיין שכר. אבער א שטראף אויך ניט. זאגט דער פסוק דער שטראף פון דיא זינד ליגט ביא דיא מיר. זאגט דיא גמרא נאך רבי מאיר איז רעכט וואס עס שטייט באמאלם וועסטו ריין ווערין פון מיין פלוכונג. און אויב ניט וועסטו ניט ריין ווערין שטייט טאפל יא און ניין. נאך רבי מאיר איז רעכט וואס עס שטייט אויב איר וועט גיין אין מיינע געזעץ. און אויב איר וועט פאר מיאוסען מיינע געזעץ. שטייט טאפיל יא און ניין. אבער נאך רבי חנינא בן גמליאל צוא וואס דארף שטיין טאפיל יא און ניין. ענטפערט דיא גמרא עס דארף שטיין טאפיל. ווארום איך וואלט מיינען אויב איר וועט גיין אין מיינע געזעץ וועט זיין א ברכה. און אויב איר וועט מיינע געזעץ פאר מיאוסין. וועט ניט זיין קיין ברכה און ניט קיין קללה. מוז שטיין טאפיל. אז איר וועט פאר מיאוסין מיינע געזעץ וועט זיין א קללה. זאגט דיא גמרא נאך רבי מאיר איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אויב איר וועט וועלין און צוא הערין. און אויב איר וועט ניט וועלין און ווידער שפעניגען. שטייט טאפיל יא און ניין. אבער נאך רבי חנינא בן גמליאל צוא וואס שטייט טאפיל יא און ניין. ענטפערט דיא גמרא עס דארף שטיין טאפיל. ווארום איך וואלט מיינען אויב איר וועט וועלין. וועט איר האבען גוטס. און אויב איר וועט ניט וועלין וועט איר ניט האבען גוטס אבער שלעכטס אויך ניט. דריבער שטייט טאפיל אז איר וועט ניט וועלין וועט איר האבען שלעכטס. וואס מיינט דער פסוק איר וועט אין שווערד פאר לענדט ווערין. רבא זאגט דאס מיינט מען שטיקער זאלץ מיט הארטע ברויט גערשטענע און ציבעלעס. ווארום דער תנא זאגט גערשטענע ברויט טרוקענע מיט זאלץ און ציבעלעס איז שלעכט צום גוף אזוי וויא שווערדין:

ג תניא. מיר האבען געלערנט עס האט אמאהל געטראפין ינאי המלך איז געגאנגען צו דער מדינה כוחליא וואס אין דער מדבר און האט דארט איין גענומען זעכציג שטעט. ווען ער איז צוריק געגאנגען פון דער מלחמה איז ער געוועזען גאנץ פרייליך. האט ער געשיקט רופין אלע יודישע חכמים. און ער האט געזאגט צו זייא אונזערע עלטערין ווען זייא האבען געבאהט דעם בית המקדש האבען זייא געגעסין אזעלכע גראז וואס הייסט מלוח. ווייל זייא זענען געוועזען ארעמע לייט. וועלין מיר אויך עסין דעם גראז וואס הייסט מלוח: אויף א אנגעדיינקען פון אונזערע עלטערין. און מיר וועלין ליבין גאט וואס ער האט אונז בגליקט אז מיר זענען היינט רייך געווארין. האט דער מלך געהייסין. און מען האט געבראכט דעם גראז וואס הייסט מלוח אויף גאלדענע

**ואלעזר בן פועירה** שמו ויאמר אלעזר בן פועירה לינאי המלך ינאי המלך לבם של פרושים עליך ומה אעשה הקם להם בציץ שבין עיניך הקים להם בציץ שבין עיניו היה שם זקן אחד ויהודה בן גרידא שמו ויאמר יהודה בן גרידא לינאי המלך ינאי המלך רב לך כתר מלכות הנח כתר כהונה לזרעו של אהרן שהיו אומרים אמו נשבית במודעית ויבוקש הדבר ולא נמצא ויבדלו חכמי ישראל בזעם ויאמר אלעזר בן פועירה לינאי המלך ינאי המלך הדיוט שבישראל כך הוא דינו ואתה מלך וכהן גדול כך הוא דינך ומה אעשה אם אתה שומע לעצתי רומסם ותורה מה תהא עליה הרי כרוכה ומונחת בקרן זוית כל הרוצה ללמוד יבא וילמוד אמר רב נחמן בר יצחק מיד נזרקה בו אפיקורסות דהוה ליה למימר תינח תורה שבכתב תורה שבע"פ מאי מיד ותוצץ הרעה ע"י אלעזר בן פועירה ויהרגו כל חכמי ישראל והיה העולם משתומם

עד

לפני הקב"ה שהמליכו והעשירו: **לבם של פרושים** עליך. שונאים הם ואין אמונים בהנהגתך: **ומה** אעשה. לידע אם כן הוא: הקם **להם בציץ שבין** עיניך. תן ציץ הקודש של זהב ויעמדו על רגליהם לפי שהשם כתוב בו ואם יעמדו אז **לבם לשמים כי** מכירת כהן ואע"ג דלאו שעת עבודה כדאמרינן בפרק בני בגדי כהונה ניתנו ליהנות בהם: **שהיו** אומרים אמו נשבית במודעית. לכך מיתה מה **שהיו** הפרושים אומרים עליו אמו נשבית בהר המודעים כדך של בית חשמונאי היה ושבויה פסולה **לכהונה** וכהנה אביו ונמצא חלל: ויבדלו חכמי ישראל בזעם. בכעס המלך עליהם: כך הוא דינו. **לשבול תרספו**: וכך הוא דינך. בהגיים שלא תקום מהם: **רומסם**. הורגם: מה תהא עליה. שמא תשתכח: **הרי** כרוכה ומונחת. ספר תורה כרוכה ומונחת. ובתוך **כתובים** המצות ולא ישתכחו: ותוצץ הרעה. נתנה לבון **וילך** לין ויגמול עקרים לי"ש נעשה **לבון מלים כרשון**

---

גאלדענע טישען. און מען האט געגעסן. און דארטן צווישען די חכמים איז געוועזן איין מענטש וואס האט געליבט פון תורה און מצות. און האט געהאט אשלעכט הארץ. זיין נאמען איז געוועזן אלעזר בן פועירה. האט אלעזר בן פועירה געזאגט צו ינאי המלך. דו ווארסט וויסען אז די פרושים וואס פרומע האבען דיך פיינט אין הארצין. האט דער מלך געפרעגט וויא אזוי קען איך וויסען אז דו זאגסט אמת. האט אלעזר געזאגט נעם די גאלדענע בלעך פון כהן גדול און ניב זיא אויף דיין שטערין. וועלין זיך די אלע פרושים אויף שטעלין. ווייל אויף די בלעך איז געוועזן אויסגעקריצט דער שם הוי"ה. און זייא וועלין דיר זאגין אז דו טארסט ניט גיין אין די בלעך. און דו טארסט ניט זיין אכהן. האט ינאי אזוי געטאהן. ער האט גענעבין די גאלדענע בלעך פון כהן גדול אויף זיין שטערין. און אלע פרושים האבען זיך אויף געשטעלט. און דארט איז געוועזן אאלטער מאן זיין נאמען איז געוועזן יהודה בן גרידא. האט יהודה בן גרידא געזאגט צו ינאי המלך גענוג פאר דיר די קרוין פון מלוכה. לאז די קרוין פון כהונה צו די קינדער פון אהרן. ווארום די פרושים האבען געזאגט די מוטער פון ינאי המלך איז געוועזן געפאנגען צווישען גוים אין די שטאט מודעית. און אכהן טאר ניט נעמען אווייב אנעקבע וואס איז געוועזן געפאנגען צווישען גוים. טאמער האבען די גוים מיט איר מזנה געוועזן. האט דאך זיין מוטער ניט געטארט גענומען ווערין צו זיין פאטער. איז דאך ינאי המלך דער זוהן זייערער פסול צו זיין אכהן. האט מען נאך געזוכט אויב די זאך איז אמת. און מען האט ניט געפונען אז זיין מוטער איז געוועזן געפאנגען. ווענען די יודישע חכמים אפ געשיידט געווארן פון מלך מיט בעס. דער מלך איז אויף זייא אין כעס געוועזן. האט אלעזר בן פועירה געזאגט צוא ינאי המלך. ביי אפראסטין יודין איז אזוי דער דין אז ער בארף ליידין זיין חרפה. אבער דוא ביסט אמלך און אכהן גדול. דיין דין איז אויך דוא וואלסט ליידין דיין חרפה. געוויס ניט. האט דער מלך געפרעגט און וואס זאל איך טאהן. האט אלעזר געזאגט אויב דוא וואלסט הערין מיין עצה. הרג'ט זייא. האט דער מלך געזאגט און וואס וועט זיין מיט די תורה. טאמער וועט די תורה פר געסין ווערין. האט אלעזר געזאגט די תורה איז פר זו קוי"ם און ליגט אין אווינקיל ווער עס וועט וועלין לערנען זאל קומען און לערנען. רב נחמן בר יצחק זאגט עס איז באלד אריין געקומען אין ינאי המלך אפיקורסות. ווארום ער האט געדארפט זאגין צו אלעזר דס איז רעכט די געשריבענע תורה וועט ניט פר געסין ווערין. אבער ווס וועט זיין מיט די אויס וויינינגסטע תורה. וואס די רבנן לערנען. אז די רבנן ווערין ניט זיין וועט מען דאך פאר געסין. האט באלד ארויס געשפראצט די

שלעכין

עד שבא שמעון בן שטח והחזיר את התורה ליושנה׃ **ד בן** גרושה ובן חלוצה דעבודתו כשרה מנ״ל א״ר יהודה אמר שמואל דאמר קרא (במדבר כה) והיתה לו ולזרעו אחריו בין זרע כשר ובין זרע פסול אבוה דשמואל אמר מהכא (דברים לג) ברך ה׳ חילו ופועל ידיו תרצה אפילו חולין שבו תרצה ר׳ ינאי אמר מהכא (דברים כו) ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם וכי תעלה על דעתך שאדם הולך אצל כהן שלא היה בימיו אלא זה כשר ונתחלל. בעל מום דעבודתו פסולה מנ״ל אמר רב יהודה אמר שמואל אמר קרא (במדבר כה) לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום כשהוא שלם ולא כשהוא חסר והא שלום כתיב א״ר נחמן וא״ו דשלום קטיעא הוא׃

שהבדיל נגלה: שמעון בן שטח. אחי אשתו היה ובמחבואו: והיתה לו ולזרעו אחריו וגו׳. בין זרע פסול חלל ולבתחלה [לא] קאמר דהא מחולל קרייה רחמנא שנתחלל מקדושת כהן: חולין שבו. חללין שבו חללין שבכהנים לוי דקרא בשבט לוי כתיב: ובעל מום דעבודתו פסולה מנ״ל. אם עבד בשוגג חלוצ במזיד כתיב אך אל הפרכת לא יבא וגו׳ ולא יחלל את מקדשי: אלא עבד כלה ידיעה מנלן דלא מכשרינן ליה מאחי קרא דוסיהה לו ולזרעו אחריו: ספי פסק לו. לעיל כוחי ה לו ולזרעו כתיב אלמא בשלמים כולו (דכשר) [דלפסר]:

## עשרה יוחסין פרק רביעי

(דף סט) **א מִשְׁנָה** עשרה יוחסין עלו מבבל לארץ ישראל כהני לויי ישראלי וכו׳׃

מאי

---

שלעכן דורך אלעזר בן פועירא אונ מען האט גיהרגת אלע יודישע חכמים. איז די וועלט גיוועז וויסט פון תורה ב׳ שמעון בן שטח איז געקומען אונ האט צוריק גיקערט די תורה צוא איר אלטקייט. אזוי ווי זיא איז פריער גיוועז. ווארום שמעון בן שטח איז גיוועזן א ברודער פון די מלכה. האט די מלכה אים בעהאלטען מען זאל אים ניט הרגנען׃

**ד בן**. אז א כהן האט גענומען א ווייב וואס איז א גרושה ואיר ערשטער מאן האט איר גיטם, אדער די האט גינומען חליצה. אונ די האט א זוהן פון דעם כהן. אונ דער זוהן האט מקריב גיוועזן קרבנות אין בית המקדש. פון וואנעט ווייסען מיר אז זיינע קרבנות זענען כשר. האט רב יהודה גזאגט פון שמואלס וועגן עס שטייט אין פסוק די כהונה זאל זיין צו פנחס אונ צוא זיינע קינדער נאך אים. וועלכע קינדער ער וועט האבען. סיי פון א כשרע ווייב אונ סיי פון א פסולה ווייב. זענען זיא אלץ כהנים. דער פאטער פון שמואל האט גזאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר ברך ה׳ חילו ופועל ידיו תרצה. חילו איז דער טייטש די פסולה, גאט זאל בענטשין די פסולה כהנים אויך. אונ די קרבנות וואס די פסולה כהנים וועלן מקריב זיין. זאל גאט אויך וועלין אן נעמען. רבי ינאי זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר. דוא זאלסט קומען צו דעם כהן וואס וועט זיין אין די טעג. קען דען א מענטש גיין צוא דעם כהן וואס איז ניט אין זיינע טעג. נאר מען מיינט א כהן וואס איז גיוועזן כשר. אונ ער איז פסול גיווארין. זאלסטו צו אים גיין אזוי ווי ער איז אין דיינע טעג. אפילו ער איז שוין אין דיין צייט פ׳ ל׳. זאלסטו אויך צוא אים גיין. א כהן וואס האט א פעלער ווס פעלט אים אפוס אדער א האנט אונ ער האט מקריב גיוועזן א קרבן. איז דער קרבן פסול. פון וואנען ווייסען מיר דאס. האט רב יהודה גזאגט פון שמואלס וועגן עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט זאגין צוא פנחס איך וועל אים געבין את בריתי שלום. די כהונה גהער נאר צוא פנחס מיט זיינע קינדער ווען זיי זענען גאנץ. ווייא האבין ניט קיין פעלער. אבער די קינדער וואס האבען פעלערס זענען ניט קיין כהנים. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך ניט אה בריתי שלם. גאנץ. נאר עס שטייט את בריתי שלום. מיט פרידען. האט רב נחמן גיזאגט דער וא״ו פון שלום איז אפ גיהאקט. ער איז אזוי ווי א ירד. לייענט מען שלם. גאנץ׃

## פרק רביעי

**א** משנה. עשרה. צעהן ערליי מיוחסים זענען אויף גיגאנגען פון בבל אין ארץ ישראל

כהנים

**גמ'** מאי איריא דתני עלו מבבל ניתני הלכו לא"י מלתא אגב אורחיה קמ"ל [כד] תניא (דברים יז) וקמת ועלית אל המקום אשר יבחר ה' אלהיך מלמד שבהמ"ק גבוה מכל ארץ ישראל וא"י גבוה מכל הארצות בשלמא בה"מ גבוה מכל א"י היינו דכתיב (שם) דברי ריבות בשעריך וקמת ועלית. אלא א"י גבוה מכל הארצות מנ"ל דכתיב (ירמי' כג) לכן הנה ימים באים נאם ה' ולא יאמרו עוד חי ה' וגו' כי אם חי ה' אשר העלה ואשר הביא וגו':

(דף ע) **ב** א"ר אלעזר לא עלה עזרא מבבל עד שעשאה כסולת נקיה ועלה כתיב (נחמיה ז) אלה העולים מתל מלח תל חרשא כרוב אדון ואמר ולא יכלו להגיד בית אבותם וזרעם אם מישראל הם תל מלח אלו בני אדם שדומין מעשיהם למעשה סדום שנהפכה לתל מלח. תל חרשא זה שקורא אבא ואמו משתקתו. ולא יכלו להגיד בית אבותם וזרעם אם מישראל הם זהו אסופי שנאסף מן השוק שאינו מכיר לא את אביו ולא את אמו. כרוב אדון ואמר א"ר אבהו אמר אדון אני אמרתי יהיו ישראל לפני חשובים בכרוב

בשלמא בהמ"ק גבוה. כשמע מיניה דהא בא"י מתחפי קרא: דברי ריבות בשעריך וקמת ועלית וגו'. מכאן שבהמקדש גבוה מכל א"י דמכל לדדיה כתיב ועלית: אשר העלה. [וגו'] מארץ צפון דהיינו בבל ומכל הארצות אשר הדחתים שם וכתיב אשר העלה:

לא עלה עזרא. כל עצמו של עזרא לנקות את בנא הכוון לפי שראה אותם שנתערבו באומות וראה שהיו חכמי הדור עולין עמו ואין עוד בבבל שיתעסק לבדוק בהם ליוחסן עמד והפריש פסוליהם והוליכם עמו והדור שראו הפרשתן הכירו בהם ולא השאו שיתערבו בהם אלו [הפסולין] העולים ולדורות הבאים נמי כיון דאמר מר לשכת הגזית ששם היו יושבים מיוחסי כהונה ולויה בכל יום מזהר זהיר מפסולים: [למעשה סדום]. שהיו מגלי עריות דכתיב רעים וחטאים רעים בגופם וחטאים בממונם ואמרינן בחלק דמתי לאיתתא דחבריה ומפילם אמר ליה הכי גבך עד דמעברא הכי ממזרים [לגבי] ישראל: חרשא. לבון מחרישין: בית אבותם. אביו: וזרעם. אמו: זה אסופי. דאינו שתוקי מכיר להודיע אמו שנא'

כהנים. לוים. ישראלים: ואונז ווייטער שטייט אין דער גמרא: פרעגט די גמרא צוא וואס לערענט די משנה זייא זענען אויף גיגאנגען פון בבל אין ארץ ישראל. זאל די משנה לערנען זייא זענען גיגאנגען אין ארץ ישראל. ענטפערט די גמרא די משנה וויל אונז דער ווייל דער ציילען נאך אזאך. אזוי וויא מיר האבען גילערונט. אז ארץ ישראל שטייט אויף אבארג אונז פון בבל אין ארץ ישראל דארף מען ארויף גיין. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט אויף שטיין אונז זאלסט אויף גיין צוא דעם ארט וואס גאט וועט אויס דער ווילען. דער פסוק לערונט אונז אז דער בית המקדש איז העכער פון גאנץ ארץ ישראל. אונז ארץ ישראל איז העכער פון אלע לענדער. פרעגט די גמרא דאס ווייסן מיר טאקי אז דער בית המקדש איז העכער פון גאנץ ארץ ישראל. ווייל עס שטייט אין פסוק אז עס וועט זיין קריג אין דיינע שטעט. זאלסטו אויף גיין צום בית המקדש. אבער אז ארץ ישראל איז העכער פון אלע לענדער. פון וואנען ווייסן מיר דאס. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט עס וועלין קומען טעג מען וועט שוין מער ניט זאגין וויא גאט לעבט וואס ער האט אונז אויף גיבראכט פון מצרים. נאר מען וועט זאגין אזוי וויא גאט לעבט וואס ער האט אויף גיבראכט די יודין פון דער גאנצער וועלט. אז מען זאגט אויף גיבראכט. איז דאך ארץ ישראל העכער פון אלע לענדער:

**ב** אמר. רבי אלעזר זאגט עזרא איז ניט אויף גיגאנגען פון בבל ביז ער האט איר גימאכט וויא ריינע מעהל. ער האט אפ גיטיילט די פסולה מענטשין בזונדער. אונז די כשרה בזונדער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די מענטשין זענען אויף גיגאנגען פון תל מלח תל חרשא כרוב אדון ואמר. אונז זייא האבען ניט גיקענט זאגין זייער משפחה אונז זייערע קינדער אויב זייא זענען פון יודין אדער ניין. פאר וואס האט מען גירופין דעם ארט תל מלח. ווייל דארט זענען גיוועזן מענטשין וואס זייא האבען גיטאהן אזוי וויא די מענטשין פון סדום האבען גיטאהן. וואס פון סדום איז גיווארין זאלץ. פאר וואס האט מען גירופין דעם ארט תל חרשא. ווארום חרשא איז דער טייטש שטיל. אונז אויף דעם ארט זענען גיוועזן קינדער. אז דאס קינד האט גיפרעגט אויף זיין פאטער האט די מוטער אים גיהייסין ער זאל שווייגין. זיא האט ניט גיוואלט זאגין ווער זיין פאטער איז. אין פסוק שטייט זייא האבען ניט גיקענט זאגין זייער משפחה אונז זייערע

קינדער

בכרוב והם שמו עצמם כנמר א"ר אבהו אמר אדון אע"פ ששמו עצמם כנמר חשובים לפני ככרוב: **ג אמר** רבה בר בר חנה כל הנושא אשה שאינה הוגנת לו מעלה עליו הכתוב כאילו **חרשו** לכל העולם כולו וזרעו מלח שנאמר (נחמיה ז) **אלה** העולים מתל מלח תל הרשא. אמר רבה בר רב אדא אמר (רבא) [רב] כל הנושא אשה לשם ממון הויין לו בנים שאינם מהוגנים שנא' (הושע ה) בה' בגדו [כי בנים זרים ילדו] ושמא תאמר ממון פלט ת"ל (שם) עתה יאכלם חדש את חלקיהם ושמא תאמר חלקו ולא חלקה ת"ל חלקיהם ושמא תאמר לזמן מרובה ת"ל חדש מאי משמע א"ר נחמן בר יצחק חדש נכנס וחדש יצא וממונם אבד. ואמר רבה בר רב אדא ואמרי לה אמר רב סלא אמר רב המנונא כל הנושא אשה שאינה הוגנת לו אליהו כופתו והקב"ה רוצעו ותנא על כולם אליהו כותב והקב"ה חותם אוי לו למי שפוסל את זרעו וכונם את

מישראל והכי לא ידעו אם מישראל הם: אמר אדון. מכרס במקרא ודרש אדן כמו אדון אומר כמו אמר אדון הקב"ה: ככרוב. קדושים ככרובי הקודש כהיות סקודש הכהוב ניס פני הכרוב: כנמר. כמה זו בלינה מקפדת חברתה כזוג:

כאילו חרשו כו'. משום דלא יכלי להגיד יחסוס קאי לבו אל מלח הרשא לזון עולם. בנים זרים. מאחר שפוסל לו ומשום ממון נשאה כדמסיים קרא יאכלם חדש את חלקיהם ממון שנשאה לשמו יאכלם בחדש אחד: ושמא תאמר חלקו. כגון נכסי צאן ברזל: ולא חלקה. כגון נכסי מלוג דכ"א לאו איסורא הוא שחוזר ליבא לגיותם: שאינה הוגנת. פסולה לו: כופתו. הלוקה בבית דין כופתין שתי ידיו על העמוד במס' מכות כופתו קושרו: רוצעו. מלקהו ברצועה: ועל כלם. כהנים לוים וישראלים: אוי לו כותב.

---

קינדער אויב זייא זענען פון יודין. דאס איז אסופי. אפגעמידע קינד וואס מען האט אים גיפונען אין גאס. אונ ער קען ניט זיין פאטער אונ ניט זיין מוטער. אונ ער ווייסט ניט אויב ער איז איוד אדער גוי. אין פסוק שטייט כרוב אדון ואמר. רבי אבהו זאגט גאט האט גיזאגט איך האב גימיינט או די יודין וועלין זיין בייא מיר גירעכונט אזוי וויא מלאכים. אונ זייא האבען זיך גימאכט אזוי וויא דיא לעמפערטין וואס זייא זענען מונה. אנדערע זאגין אזוי האט רבי אבהו גיזאגט. גאט האט גיזאגט אפילו דיא יודין האבען זיך גימאכט וויא דיא לעמפערטין. פון דעסטוועגן זענען זייא בייא מיר גירעכונט וויא דיא מלאכים:

**ג** אמר. רבה בר בר חנה האט גיזאגט דער וואס נעמט א ווייב וואס פאסט ניט פר אים. רעכונט אים דער פסוק גליך וויא ער וואלט צו האקערט דיא גאנצע וועלט אונ ער וואלט אויף איר געזייט זאלץ. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלה העולים מתל מלח תל חרשא. דיא קינדער וואס האבען ניט גיקענט זאגין זייער יחוס רופט זייא דער פסוק מלח חרשא. וויא ער וואלט גיהאקערט אונ פאר זייעט זאלץ. רבה בר רב אדא האט גיזאגט פון רבס וועגין דער וואס נעמט א ווייב פון וועגין געלט. וועט ער האבען קינדער ניט פרומע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען גיפעלשט אין גאט ווייל זייא האבען גיבארין קינדער פון אזוי א ווייב וואס זיא איז פרעמד צו אים: זיא פאסט ניט פאר אים. ער האט איר נאר גינומען ווייל זיא האט גיהאט פיל געלט. טאמער וועסטו זאגין דאס געלט וועט בלייבען ביי אים. שטייט אין פסוק זיי וועלין איצט אויף עסין אין איין חודש זייער חלק. טאמער וועסטו זאגין זיין חלק וועט אויף גיגעסין ווערין ווייל ער האט גענומען א ווייב וואס פאסט ניט פאר אים. אבער ניט איר חלק. ווארום זיא האט דאך גינומען אמאן איהם. שטייט אין פסוק חלקיהם. זייער ביידנס חלק וועט אויף גיגעסין ווערין. טאמער וועסטו זאגין אז איר חלק וועט דויערין א לאנגע צייט ביז ער וועט אויף גיגעסין ווערין. שטייט אין פסוק חודש. עס וועט נאר דויערין איין חודש. אזוי וויא רב נחמן בר יצחק זאגט. א חודש גייט אריין אונ א חודש גייט ארויס אונ זייער געלט איז פר לארין. מען מיינט ניט אז אין איין חודש וועט זייער געלט פאר לארין ווערין. נאר עס וועט ניט אוועק גין איין חודש וואס אין אים זאל ניט פאר לארין ווערין א טייל פון זייער געלט. ביז עס וועט אין גאנצען פאר לארין ווערין נאך האט רבה בר רב אדא גיזאגט. אנדערע זאגין רב סלא האט גיזאגט פון רב המנונא וועגין דער וואס נעמט א ווייב וואס איז פסול צו אים למשל א יוד נעמט אמזורתו. אליהו הנביא בינדט אים. אונ גאט שלאגט אים מלקות. מיר האבען

גילערונט

את משפחתו ולנושא אשה שאינה הוגנת לו [אליהו כופתו והקב"ה רוצען] וכל הפוסל פסול ואינו מדבר בשבחו של עולם ואמר שמואל במומו פוסל:

**ד ההוא** גברא [דמיהרדעא] דעל לבי מטבחיא בפומבדיתא אמר להו הבו לי בשרא אמרו ליה נטר עד דשקיל שמעיה דרב יהודה בר יחזקאל (ברישא) וניתב לך אמר מאן יהודה בר שויסקאל דקדים לי דשקיל מן קמאי אזלו אמרו ליה לרב יהודה (איקפיד אפיק שיפורא) ושמתיה אמרו ליה רגיל דקרי אינשי עבדי אכריז עליה דעבדא הוא אזל ההוא גברא אזמניה לדינא לקמיה דרב נחמן אייתי פיתקא דהזמנתא אזל רב יהודה לקמיה דרב הונא א"ל איזיל או לא איזיל א"ל מיזל לא מיבעיא לך למיזל משום דגברא רבא את אלא משום יקרא דבי נשיאה קום זיל אתא אשכחיה דקעביד מעקה א"ל לא סבר מר להא דאמר רב הונא

מאי דקאמר והזיל: אוי לו לפוסל זרעו ולפוגם את משפחתו. כגון שנשא אשה שאינה הוגנת לו [האי אליהו לאו אליהו דכתיב במקרא הוא דא"כ מקמי דסוף אתי מאן כפתיה אלא שמא מלאך שהוא כותב למעלה]: כל הפוסל. מגדף הגניד את המשפחות הוא עצמו פסול: ואינו מדבר בשבחו של עולם. אין דרכו של פסול לדבר בשבח הבריות לעולם: נטר עד דשקיל שמעיה דרב יהודה. המתן עד שיטול שלוחו של רב יהודה שעומד כאן ליטול: בר שויסקאל. לשון גנאי גרגרן אוכל שויסקי כדאמרינן בפסחים בהימנותי פסח מאי ש' מאן לימא לן דלא שויסקי עבדינהו בשם רבינו הלוי: שמתיה. כדאמרינן דמנדין לכבוד הרב במ"ק: אמרו ליה. לרב יהודה רגיל הויה גברא דקרי לאינשי עבדי: לקמיה דרב הונא. לימלך בו אם יש לו לילך לפני רב נחמן: לא איבעיא לך למיזל. לפני רב נחמן שאתה גדול ממנו ואתה רבה בפומבדיתא ורב נחמן רבה בנהרדעא ודיין לריש גלותא והוא דבי נשיאה כדאמרינן בשבוע וכו' טב מפום דרב נחמן מהגיה דבי נשיאה שהוא מוזהר במעשיו דר' יוחנן: יקרא דבי נשיאה.

---

גילערנט אלע מענטשן ווער עס נעמט אהייב וואס איז פסול צוא אים. אליהו הנביא שרייבט און גאט התמת. דיא ווערטער שרייבט אליהו. וויי צוא דעם מענטש וואס מאכט פסול זיינע קינדער. און ער פאר שעמט זיין משפחה. און דער וואס נעמט אהייב וואס איז פסול צוא אים אליהו בינדט אים און גאט שלאגט אים מלקות. און דער מענטש וואס זידלט מענטשן און זאגט אויף זייא אז זייא זענען פסול. איז א סימן אז ער אליין איז פסול ווארום דער וואס איז פסול רעט קיין מאהל ניט קיין גוטס אויף דיא מענטשן פון דער וועלט. נאר אויף יעדער מענטש געפינט ער איין אנדער פעלער. שמואל זאגט מיט זיין פעלער מאכט ער פסול. ער מיינט אז אלע זענען אזוי פאלש און אזו שלעכט וויא ער איז:

האָט מַקְרִיב גִיוֶועזֶען קָרְבָּנוֹת אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ. דַארְף מֶען שׁוֹין מֶער נִיט זוּכֶען טָאמֶער אִיז דָא אַפְּסוּל. וָוארוּם אַז עֶס וָואלְט גִיוֶועזֶען אַפְּסוּל וָואלְט בֵּית דִין אִים נִיט גִילָאזְט טָאהן דִיא עֲבוֹדָה. אוּנ אוֹיבּ מֶען וַוייס אוֹיף אַאִשָּׁה אַז אִיר פָאטֶער אָדֶער אִיר מוּטֶערְס פָאטֶער אִיז גִיוֶועזֶען אַלֵוִי אוּנ הָאט גִיזוּנְגֶען אוֹיף דִיא בְּרֶעט וָואס בַּייא דֶעם מִזְבֵּחַ. דַארְף מֶען שׁוֹין נִיט מֶער זוּכֶען טָאמֶער אִיז דָא אַפְּסוּל. אוּנ אוֹיבּ עֶר אִיז גִיוֶועזֶען אֵיינֶער פוּן דִיא סַנְהֶדְרִין. דַארְף מֶען שׁוֹין נִיט מֶער זוּכֶען טָאמֶער אִיז דָא אַפְּסוּל. אוּנ דִיא אַלֶע וַוייבֶּער וָואס מֶען וַוייס אַז זַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גִיוֶועזֶען דַייָנִים. אָדֶער זַייא זֶענֶען גִיוֶועזֶען גַבָּאִים פוּן צְדָקָה. מֶעגִין כֹּהֲנִים חַתוּנָה הָאבֶּען מִיט זַייעֶרֶע טֶעכְטֶער. אוּנ מֶען דַארְף נִיט נָאךְ זוּכֶען טָאמֶער זֶענֶען זַייא פָּסוּל. רַבִּי יוֹסִי זָאגְט אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז גִיוֶועזֶען פַאר שְׁרַייבֶּען וּפַאר אַמְיוּחָס אָדֶער פַאר אַעֵדוּת. בַּיי דִיא דַייָנִים פוּן דִיא שְׁטָאט יְשָׁנָה וָואס זִיא אִיז נָאנְט צוּא דִיא שְׁטָאט צִפּוֹרִי. דַארְף מֶען אוֹיךְ נִיט נָאךְ זוּכֶען טָאמֶער זֶענֶען זַייא פָּסוּל. רַבִּי חֲנִינָא בֶּן אַנְטִיגְנוֹס זָאגְט אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז גִיוֶועזֶען פַאר שְׁרַייבֶּען צוּ גֵיין אִין חַיִל פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ. דַארְף מֶען אוֹיךְ נִיט נָאךְ זוּכֶען טָאמֶער זֶענֶען זַייא פָּסוּל. וָוארוּם דִיא חַיִל פוּן דָוִד זֶענֶען אַלֶע גִיוֶועזֶען מְיוּחָסִים :

**מן** פִּיסְקָא. דֶער וָואס אִיז אֵיינֶער פוּן דִיא סַנְהֶדְרִין. דַארְף מֶען נִיט נָאךְ פְרֶעגִין אוֹיף אִים. גֶעוִויס אִיז עֶר אַמְיוּחָס. פַאר וָואס. וָוארוּם רַב יוֹסֵף הָאט גִילֶערְנְט אַזוֹי וִויא בֵּית דִין דַארְף זַיין רֵיין מִיט פְרוּמְקַייט. אַזוֹי דַארְפִין זַייא זַיין רֵיין פוּן אַלֶע פֶעלֶערְס. מָרִימַר זָאגְט פוּן דֶעם פָּסוּק דוּ בִּיסְט אִין גַאנְצִין שֵׁיין מַיין פְרַיינְדִין אוּנ עֶס אִיז נִיטָא אִין דִיר קֵיין פֶעלֶער. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא טָאמֶער מֵיינְט מֶען פוּן אַאֱמֶתִין פֶעלֶער זָאלִין זַייא זַיין רֵיין. עֶר זָאל נִיט הָאבֶּען אַצוּבְּרָאכֶענֶע הַאנְט אָדֶער אַצוּבְּרָאכֶענֶע פוּס עֶר זָאל נִיט זַיין בְּלִינְד. אָבֶּער אַז מֶען אִיז נִיט אַיַחְסָן מֶעג מֶען אוֹיךְ זַיין צְווִישֶׁען דִיא סַנְהֶדְרִין. הָאט רַב אַחָא בַּר יַעֲקֹב גִזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען זִיבֶּעצִיג מֶענְטְשִׁין אוּנ זַייא זָאלִין זִיךְ שְׁטֶעלִין דָארְטִין מִיט דִיר. מִיט דִיר מֵיינְט מֶען זַייא זָאלִין זַיין גְלַייךְ מִיט דִיר. אַזֶעלְכֶע מְיוּחָסִים וִויא דוּ בִּיסְט. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דִיא זִיבֶּעצִיג מֶענְטְשִׁין הָאבֶּען טַאקִי גִידַארְפְט זַיין מְיוּחָסִים. וַוייל זַייא הָאבֶּען גִידַארְפְט שְׁטֵיין פַאר גָאט אוֹיף זַייא זָאל רוּהֶען דִיא נְבוּאָה. אָבֶּער סַנְהֶדְרִין צוּם מִשְׁפָּטִין דִינִים דַארְף מֶען נִיט מְיוּחָסִים. נָאר זַייא זָאלִין קֶענֶען רֶעדֶען. הָאט רַב נַחְמָן גִיזָאגְט בַּייא דִיא סַנְהֶדְרִין פוּן יִתְרוֹ שְׁטֵייט. יִתְרוֹ הָאט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁה זַייא וֶועלִין טְרָאגִין מִיט דִיר. מִיט דִיר מֵיינְט מֶען זַייא זָאלִין זַיין גְלַייךְ מִיט דִיר. אַזֶעלְכֶע מְיוּחָסִים וִויא דוּ בִּיסְט. זֶעהְן מִיר אַז סַנְהֶדְרִין נָאר צוּ דִינִים מִשְׁפָּטִין דַארְפִין אוֹיךְ זַיין מְיוּחָסִים :

רבי

**טז פיסקא** רבי חנינא בן אנטיגנוס אומר אף מי שהיה מוכתב באסטרטיא וכו'. א"ר יהודה אמר שמואל בתיילות של בית דוד. אמר רב יוסף מאי קראה דכתיב (ד"ה א ז) והתיחשם בצבא במלחמה וטעמא מאי אמר רב יהודה א"ר כדי שתהא זכותם וזכות אבותם כסייעתם והאיכא (ש"ב כג) צלק העמוני מאי לאו דאתי מעמון לא דיתיב בעמון. והאיכא (שם) אוריה החתי מאי לאו דאתי מחת לא דיתיב בחת. והאיכא אתי הגתי וכי תימא ה"נ דיתיב בגת והא א"ר נחמן אתי הגתי בא ובטלה לע"ז ועוד אמר רב יהודה א"ר ד' מאות ילדים היו לו לדוד וכולם בני יפת תואר היו וכולם מסתפרים קומי ומגדלי בלורית היו וכולם יושבים בקרוניות של זהב והיו מהלכים בראשי גייסות והם הם בעלי אגרופים של בית דוד דאזלי לבעותי עלמא:

חיילות של בית דוד. שהיו גלוים (במחלוקות) [בהלוקה] תדם בהדם והוזכין הליכה והות לבון איסטרטיה וכותבין בשמות משפחת פלוני ופלוני כהדם פלוני וה"ז זוכין ליהכן מכל מום כדמפרש ש סייעם זכות הכותם במלחמה: והו ניכא לא גרסינן: צלק העמוני. בכתבי גבורים אשר לדוד שנה: דאתי מעמון. וכתגייר הלכה לא הקב"ד על הגרים: והא אמר רב נחמן. במס' ע"ז: בא אתי הגתי. ששה נכרי ובטלה לע"ז של עטרת מלכם והוא שם מקון עמונים: ילדים. בהולים היו לדוד בחיילותיו ולא היו בניו: בני יפת תואר. נשים שלקחו ישראל במלחמה כדכתיב והבאתה אל תוך ביתך ומתוך כך היו נוהגים כמשפט הנכרים: מספרים קומי ומגדלי בלורית. מאחורי ערפם: לבעותי עלמא. אבל לא היו יורדין בתוך המלחמה עם ישראל:

ומגדלי בלורית. שמגלו לו מתייני כר' יהודה: היינו נאמן. דקרוב כמה אלנו והינו כבר כמעיד עליו: ואפילו שניהם. האב והאם: עם שתי נשים. מפני שדעתן קלה ושתיהן מתות להתפתות ולא היכא

(דף עח) **יז משנה** **האומר בני זה ממזר** אינו נאמן ואפילו שניהם מודים על העובר שבמעיה ממזר

---

**טז** פיסקא. רבי חנינא בן אנטיגנוס זאגט דער וואס איז געוועזן פאר שריבען באיסטרטיא של מלך. וואס איז איסטרטיא. רב יהודה זאגט פון שמואלס וועגין איסטרטיא איז דער טייטש חיל. דער וואס איז געוועזן פאר שריבען אין דעם חיל פון דוד המלך איז ער אויך געוועזן אמיוחס. רב יוסף זאגט ווארום עס שטייט אין פסוק והתיחשם בצבא במלחמה. דיא חיל וואס זענען גיגאנגען אין דער מלחמה זענען געוועזן מיוחסים. צוא וואס האט מען גידארפט מיוחסים. רב יהודה זאגט פון רבס וועגין ווייל זייער זכות אונ דער זכות פון זייערע עלטערין זאלין זייא העלפין אין דער מלחמה. פרעגט דיא גמרא צלק העמוני איז דאך אויך געוועזן פון דודס חיל. אונ ער איז דאך געוועזן אגוי גיבארין פון עמון נאר ער האט זיך מגייר געוועזן. ענטפערט דיא גמרא ער איז געוועזן איוד נאר ער האט גיוואהנט אין עמון. פרעגט דיא גמרא אוריה החתי איז דאך אויך געוועזן פון דודס חיל. אונ ער איז דאך געוועזן אגוי גיבארין פון חת. נאר ער האט זיך מגייר געוועזן. ענטפערט דיא גמרא ער איז געוועזן איוד נאר ער האט גיוואהנט אין חת. פרעגט דיא גמרא אתי הגתי איז דאך אויך געוועזן פון דודס חיל. טאמער וועסטו זאגין אז אתי איז געוועזן איוד נאר ער האט גיוואהנט אין גת. רב נחמן האט דאך גזאגט אתי הגתי איז גיקומען אונ האט מבטל געוועזן זיין עבודה זרה. איז דאך אתי געוועזן אגר. אונ נאך האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין. פיר הונדערט יונגע מענטשין האט גיהאט דוד המלך אין זיין חיל. אונ דיא מענטשין זענען געוועזן גיבארין פון דיא שיינע גוישע ווייבער וואס דיא יודין פלעגין נעמען אין דער מלחמה. אונ אלע פלעגין זיין גישארין פון פארנט. אונ אינטען פלעגט וואקסין גרויסע האר. אונ אלע זענען גיזעסין אין גאלדענע פורען. אונ זייא זענען גיגאנגען דיא ערשטע אין חיל. אונ זייא זענען געוועזן דיא שטארקסטע מענטשין פון דודס חיל. זעהן מיר אז ניט מיוחסים זענין אויך געוועזן אין דודס חיל. ענטפערט דיא גמרא זייא האבען ניט גענידערט אין דער מלחמה מיט דיא יודין צו זאמען. זייא זענען נאר גיגאנגען דער שרעקין דעם שונא. אונ אתי הגתי איז אויך אזוי געוועזן:

**יז** משנה. האומר. אז איינער זאגט אויף זיין זוהן. דער זוהן מיינער איז אממזר. איז ער ניט בגלויבט. אפילו דער פאטער אונ דיא מוטער זאגין אויף דעם קינד וואס ביי די מוטער אין בויך. אז ער איז אממזר. זענען זייא ניט בגלויבט. אמענטש טאר ניט זיין אליין אין אשטוב

מיט

ממזר הוא אינם נאמנים. לא יתיחד אדם עם שתי נשים: **גמ'** (דף פ ע"ב) לימא מתני' דלא כאבא שאול דתניא כל שלשים יום יוצא בחיק ונקבר באשה אחת וב' אנשים אבל לא באיש אחד ושתי נשים אבא שאול אומר אף באיש אחד ושתי נשים אפילו תימא אבא שאול בשעת אנינות תביר יצר' ורבנן סברי כרבי יצחק דא"ר יצחק (איכה ג) מה יתאונן אדם חי גבר על חטאיו אפילו בשעת אנינותו של אדם יצרו מתגבר עליו ואבא שאול כי כתיב ההוא במתרעם על מדותיו כתיב וה"ק מה יתרעם על מדותיו וכי גבר על חטאיו דיו חיים שנתתי לו ורבנן (אין מתגבר אפילו באנינות) כי ההוא מעשה דההיא אתתא דהוה עוברא ואפיקתיה:

**יח (פיסקא)** אבל אשה אחת מתייחדת עם שני אנשים א"ר יהודה אמר רב לא שנו אלא בכשרים אבל בפורצים אפילו בעשרה נמי לא. הוה מעשה והוציאוה

א מהמרתה שלף היא מעשה כמו שם: כל שלשים יום. ולד שמת בתוך שלשים יום אין צריך לגבה במותו להוציאו לקבורה לא במטה ולא בכליכה אלא בחיק: ונקבר באשה אחת וב' אנשים. ואין צריך רבים ללוות אלא ג': אבל לא באיש אחד ושתי נשים. משום יחוד שלא היו בתי הקברות סמוכות לעיר: מה יתאונן. מה מועיל אמיתם לאדם לסמוך על כן מלהזהר ביצרו כל זמן שהוא חי צריך להיות גבר על חטאיו שאל"כ יצרו גובר עליו ויחטיאנו: על מדותיו. על קורותיו הקורות אותו: מה יתאונן אדם חי. למה יתרעם אדם על הקורות הבאות עליו אחר כל החסד שאני עושה עמו שנתתי לו חיים ולא הבאתי עליו מיתה: וכי גבר על חטאיו. הוא שלא חטא לי ונלקחו הוא הי בסמים: ורבנן. אמרים חבר יצריה כדאמרה יב לאוש שפעמים שאין אם אנינות ומוסין עלמן כולה נושאין פיסק מה ויוכלין לעבירה כי הבאה עוברא דהוה עוברא נכסים אהבה ואפיקתיה לתינוק חי בחזקת מת לעשות עבירה עם ההולך עמה לקוברו ל"א מעוברי סכן ל"א ורבנן אמרי כולה בהלכה שלזול וגרס דיו חיים שנתתי לו כי ההיא עובדא דההיא איתתא דאמרינן במו"ק שקוננה על מתה יותר מדאי עד שמתו ז' בניה ושיא שאמיכם תמות שמתאוננה יותר על מתיה. דההוא עובדא ואפיקתיה ל"א:

מיט צווייא ווייבער. זאגט דיא גמרא מיר וועלין זאגין אז דיא משנה איז ניט ווייא אבא שאול ווארום מיר האבען געלערנט אז אקינד שטארבט פר דרייסיג טעג. טראגט מען אים צום בגראבין אין שוים און פאלעו. אונ צוא דער לויה איז גענונג עס זאל נאר גיין דריי מענטשין. איין אשה את צווייא מאנס לייט. אבער ניט איין זכר מיט צווייא נקבות. אבא שאול זאגט עס מעג גיין איין זכר מיט צוויי נקבות אויך. ווען מיר דאך אז אבא שאול האלט אז איין זכר מעג זיין אליין מיט צוויי נקבות. ניט ווייא אין דער משנה שטייט. ענטפערט דיא גמרא אבא שאול האלט אויך צו איין זכר טאר ניט זיין אליין מיט צוויי נקבות. נאר בייא דער לויה ווייל עס איז אטרויער איז צוא בראכען דער יצר הרע. וועלין זייא ניט טאהן קיין עבירה. דריבער מעג דא גיין איין זכר מיט צווייא נקבות. אונ דיא רבנן האלטען אזוי ווייא רבי יצחק וואס ער זאגט עס שטייט אין פסוק מה יתאונן אדם חי גבר על חטאיו. וואס העלפט דיא טרויעריקייט ביי דעם מענטשין. אפילו ווען דער מענטש איז טרויריג. פון דעסטוועגין שטארקט זיך אויף אים דער יצר הרע. אזוי לאנג ווייא דער מענטש לעבט דארף ער זיך שטארקין אויף זיינע זינד. דריבער אפילו צוא אלויה טאר אויך ניט גיין איין זכר מיט צווייא נקבות. אונ אבא שאול זאגט דער פסוק שמועסט פון אזוי אמענטש וואס איז בייז אויף גאט. ווייל אים גייט ניט גוט אויף דער וועלט. אונ אזוי זאגט דער פסוק מה יתאונן אדם חי. וואס טרויערט דער לעבעדיגער מענטש. אים איז שלעכט. האט ער זיך דען גישטארקט אויף זיינע זינד. האט ער דען ניט גיטאהן עבירות. גינוג פאר אים דאס לעבין וואס איך האב אים גיגעבין. אונ דיא רבנן זאגין אפילו מיר וועלין זאגין אמענטש טוהט ניט קיין עבירה ווען ער איז טרויריג. פון דעסטוועגין טאר אויך ניט גיין איין זכר מיט צווייא נקבות צוא דער לויה. ווארום טאמער וועלען זיי גאר ניט טרויריג. אונ עס איז גאר ניט קיין לויה. אזוי ווייא עס האט אמאהל גיטראפען אאשה איז גיגאנגען מיט אזכר אונ זי הט גיטראגין אלעבעדיג קינד. אונ זי הט גזאגט דס קינד איז טויט. אונ זיא גייט אים בגראבין. אונ זייא זענען גיגאנגען מזנה זיין:

**יח** פיסקא. אבל. אבער איין אשה מעג זיין אליין מיט צווייא זכרים. רב יהודה זאגט פון רבם וועגין דאס איז נאר אז דיא צווייא זכרים זענען פרומע אבער אז דיא מאנסלייט זענען ניט פרומע. אפילו דיא זענען צעהן. טאר אויך ניט זיין איין אשה מיט זייא. עס האט אמאהל גיטראפען צעהן זכרים האבען ארויס גיטראגין איין אשה אין אבעט. זייא האבען גזאגט

והוציאוה עשרה בסטה א"ר יוסף תדע דמחברי בי עשרה וגנבי כשורא ולא מכספא מהדרי:

(דף פא) ימו רב ורב יהודה הוו קאזלי באורחא (אתא) [הוה קאזלא] ההיא אתתא קמייהו א"ל רב לרב יהודה דל כרעיך מקמי גיהנם א"ל והא מר אמר בכשרים שפיר דמי א"ל מי יימר דבכשרים כגון אנא ואת אלא כגון ר' חנינא בר פפי וחבריו:

כ הנך שבייתא דאתאן לנהרדעא אסקינהו לבי רב עמרם חסידא אמר שקולו דרגא מקמייהו בהדי דקא חלפה חדא מינייהו נפל נהורא באיפומה שקליה רב עמרם לדרגא דלא הוו יכלין בי עשרה למידלה דלייה לחודיה סליק ואזיל כי מטא לפלגא דדרגא אפשה רכא קלא אמר נורא בי עמרם אתו רבנן א"ל כסיפתינן אמר להו מוטב תיכספו בי עמרם בעלמא הדין ולא תיכספו מיני לעלמא דאתי אשבעיה (ליצריה) דינפק מיניה נפק מיניה כי עמודא דנורא א"ל חזית דאת נורא ואנא בישרא ואנא עדיפנא מינך:

רבי

וגליוה י׳ בסטה. בהוקת שהיה מהם וקלקלו עמה ולקחו אים הימם: דמתחברי בי י׳ וגנבי כשורא. שים בה משאוי לעשרה:

דל כרעיך. מהר ללכת שנקדמנה: כגון אנא. בהמים: ר׳ חנינא בר פפי וחביריו. ר׳ נדוק ורב כהנא (בפ"ק דף מ):

אסקינהו. שלוה עליהם לבדותם והגוס בעלייהו: בהדי דקא חלפא הדא מינייהו. שהיתה עוברת אצל פי הארובה שמן העליה לבית: נפל נהורא באיפומא. נפל אור בבית דרך פי העליה שהיו פניה מאירות: וקא סליק. להובעה: אפשה. סרחיב ופיסק רגליו לעמוד במקומו בחוזק להתגבר על יצרו: אמר נורא בי עמרם. הזעיק בני השכונה לאסוף ולבא לכבות הדליקה כדי שיחדל מילכו שיתביים מהם: אתו רבנן. בסו סבורין שיש שם דליקה לכבות את הדליקה: אשבעיה. כי עמרם ליצה"ר שיצא ממנו:

וויא איז געשטארבן און זייא טראגן איר אויסער דיא שטאט צו בגראבן איר און דארט האבען זייא מיט איר מזנה גיוועזן. רב יוסף זאגט איך וועל דיר ווייזן אז עס איז אזוי. צעהן מענטשין בהעפטין זיך און גנבנען אבעלעק אשווערין וואס אלע צעהן מענטשין טוען אים טראגן. און זייא שעמען זיך ניט איינער פאר דעם אנדערין:

ימו רב און רב יהודה זענען אמאהל גיגאנגען אין וועג. פאר אויס פאר זיי איז גיגאנגען אאשה. האט רב גזאגט צוא רב יהודה הייב אויף דיינע פיס מיר וועלין געשווינד אנטלויפין פאר דעם גיהנם. מיר זאלין נישט גיין אינטער דיא אשה. נאר מיר זאלין גיין פאר אויס פאר איר. האט רב יהודה גזאגט צוא רב דוא האסט דאך גזאגט אז פרומע מעגן זיין אליין מיט אאשה. האט רב גזאגט צוא רב יהודה ווער זאגט דאס אז פרומע מיינט מען אזוי וויא איך און דוא. טאמער מיינט מען פרומע אזוי וויא רבי חנינא בר פפי און זיינע חברים:

כ הנך: מען האט גיבראכט אין נהרדעא גיפאנגענע ווייבער. האט רב עמרם חסידא גיהייסען דיא שטאט מענטשין זאלין זייא אויס לייזן. און מען זאל זייא ארויף ברייגגען צו אים אויף דעם בוידים. האט רב עמרם גיהייסען מען זאל צוא נעמען דעם לייטער פון בוידים. ווייא איינע פון דיא ווייבער איז גיגאנגען פאר דעם פענסטער וואס פון בוידים אין שטוב ארייז. איז גיווארין ליכטיג אין שטוב פון איר שיינקייט. האט רב עמרם גינומען אזוי אלייטער וואס צעהן מענטשין וואלטין אים ניט גיקענט אויף הייבען. און ער האט אים אליין אויף גיהויבען. און האט איס גישטעלט צום בוידים. און איז גיגאנגען אויף דעם לייטער ער זאל ארייז גיין אויף דעם בוידים מיט איר מזנה צוא זיין: וויא ער איז גיקומען אין אהאלבין לייטער. איז ער געבליבען שטיין און האט אן גיהויבען צוא שרייען אפייער ברענט ביי עמרם. זענען דיא רבנן גיקומען צוא לויפען. זייא האבען גימיינט עס ברענט טאקי. און רב עמרם האט דם גיטאהן ער זאל זיך פאר מיידין פון דיא עבירה. האבען דיא רבנן גזאגט צוא רב עמרם דוא האסט אונז פאר שעמט. דוא זאלסט יועלין טאהן אזוי אנאך. האט רב עמרם גזאגט בעסער איר זאלט אייך שעמען מיט עמרם אויף דיא וועלט. איר זאלט אייך ניט דארפין שעמען מיט מיר אויף יענע וועלט. האט רב עמרם בשווארין דעם יצר הרע ער זאל פון אים ארויס גיין. איז דער יצר הרע ארויס גיגאנגען פון אים אזוי וויא אפייערדיגער זייל. הט רב עמרם גזאגט צום יצר הרע זעה דו ביסט פייער און איך בין פלייש און איך בין בעסער פון דיר:

רבי

**כא** רבי מאיר הוה מתלוצץ בעוברי עבירה יומא חדא אידמי ליה שטן כאתתא בהך גיסא דנהרא לא הוה מברא נקט מצרא וקא עבר ואזיל כי מטא פלגא דמצרא שבקיה אמר אי לאו דקא מכריזין עלך ברקיע הזהרו ברבי מאיר ותורתו שויתינהו לדמך כתרתי מעי. ר' עקיבא הוה מתלוצץ בעוברי עבירה יומא חדא אידמי ליה שטן כאתתא בריש דקלא נקטיה לדקלא וקא סליק ואזיל כי מטא לפלגא דדקלא שבקיה אמר אי לאו דמכריזין עלך ברקיעא הזהרו בר' עקיבא ותורתו שויתין לדמך כתרתי מעי:

**כב** פלימו הוה רגיל למימר כל יומא גירא בעיניה דשטנא יומא חד מעלי יומא דכפורי הוה אידמי ליה כעניא אתא קרא אבבא אפיקו ליה רפתא א"ל יומא כי האידנא כולי עלמא מגואי ואנא אבראי עייליה וקריבו ליה ריפתא א"ל יומא כי האידנא כולי עלמא אתכא ואנא לחודאי אתיוה אותבוה אתכא והוה מלא נפשיה שיחנא וכיבי עליה וקא עביד ביה מילי דמאיסא א"ל (ע"ב) תיב שפיר א"ל הבו לי כסא יהבו ליה כסא אכמר שדי ביה כיחו נחרו ביה שקא ומית שמעיה

מתלוצץ בעוברי עבירה. אומר שקל הוא לכתגבר על יצרו אם הוה רוצה: אידמי ליה שטן. דהוא יצה"ר: בהך גיסא דנהרא. לצד השני שמעבר המים: לא הוה מברא. ספינה שמעברת: נקט מצרא. חבל מתוח מכפת הנהר אל שפתו ואוחזין בו לבא על דף קצר הנוטל ברוחב הנהר: שבקיה. יצר לר' מאיר:

כולי עלמא אהכא. על השלחן אוכלין: וכיבי. ולכ"ן המוליאין ליהם ומאוסין: תיב שפיר. שב כהוגן כלא המאכנו: יהבו ליה כסא. מצו ליה סם: אכמר שדא ביה כיח. השליך בתוכו את כיחו ליחה היוצא מן הכילה. אלמה פיבי"ל בלע"ז: נחרו ביה. נערו בו: שקא ומית. הוא כמזיק עצמו כמת:

---

**כא** רבי מאיר פלעגט אמאהל לאכען פון די מענטשין וואס טוהען עבירות. ער פלעגט זאגין אז א מענטש וויל זיך שטארקין אויף דעם יצר הרע. איז דאס א גרינגע זאך. אמאהל האט זיך דער יצר הרע פאר שטעלט פאר א אשה און איז געשטאנען ביי דער זייט טייך. און רבי מאיר איז געשטאנען בייא די אנדערע זייט טייך. און עס איז ניט געוועזען קיין פראם אריבער צו שיפען. נאר עס איז געוועזען א שמאלע ברעטיל איבער דעם וואסער פון איין ברעג ביז צום אנדערין ברעג. און איבער דעם ברעטיל איז געוועזען אנגיצויגין א שטריק פון איין ברעג ביז צום אנדערין ברעג. ווי רבי מאיר האט דער זעהן די אשה האט ער זיך אן געהאלטען ביי דעם שטריק און איז געגאנגען אויף דעם ברעטיל. ווי ער איז געקומען אין מיטען דעם ברעטיל. הט דער יצר הרע אים אפ געלאזין. האט דער יצר הרע געזאגט צו רבי מאיר ווען מען וואלט ניט אויס גערופען אויף דיר אין הימעל איר זאלט אייך היטען מיט רבי מאיר און מיט זיין תורה. וואלט איך געמאכט פון דיין בלוט אזוי ווי צוויי געדערים. רבי עקיבא פלעגט אויך לאכען פון די מענטשין וואס טוהען עבירות. ער פלעגט אויך זאגין אז א מענטש וויל קען ער זיך אפ האלטען פון צוא טאהן א עבירה. אמאהל האט זיך דער שטן פר שטעלט פר א אשה און איז געזעסין אויף א שפיץ בוים. הט רבי עקיבא אן גינומען דעם בוים און איז געקראכען אויף אים צו די אשה. אז ער איז געקומען אין האלבען בוים הט דער יצר הרע אים אפ געלאזין. הט דער יצר הרע געזאגט ווען מען וואלט ניט אויס גערופין אין הימעל איר זאלט אייך היטען מיט רבי עקיבא און מיט זיין תורה. וואלט איך געמאכט דיין בלוט אזו ווי צוויי געדערים:

**כב** פלימו איז געוועזען געוואוהנט צוא זאגין אלע טאג א פייל זאל זיין אין די אויגען פון שטן: אמאהל אום ערב יום כפור האט זיך דער יצר הרע פאר שטעלט פאר א ארעם מאן. הט ער אן גיקלאפט אויף די טיר. האט מען אים ארויס דער לאנגט א שטיקל ברויט. הט דער שטן געזאגט אטאג אזוי ווי היינט איז אלע שטוב מענטשין זיצען אינוועייניג אין שטוב. און איך זאל זיין אויס וועייניג. האט מען אים ארייו גינומען אין שטוב. און מען האט אים געגעבין א שטיקל ברויט. האט דער שטן צוא זייא געזאגט אטאג אזו ווי היינט איז. אלע שטוב מענטשין זיצען ביי דעם טיש. און איך אליין זאל שטיין ביי די טיר. האט מען אים געהייסען ער זאל זיצען בייא דעם טיש. האט ער זיך פול געמאכט מיט קרעץ און מיט הייטער און האט געטאהן מיאוסע זאכען. האט פלימו געזאגט צוא אים זיץ ווי מען בדארף און פאר מיאוס ניט דעם טיש. האט דער שטן געזאגט גיט מיר א כוס צום טרינקען. האט מען אים געגעבין א כוס צום טרינקען. האט ער ארויס

גימזארן

שמעיה דהוו קאמרי פלימו קטל גברא ערק וטש בבית הכסא אזל בתריה נפל קמיה כד חזייה דהוה מצטער גלי ליה נפשיה א"ל מ"ט אמרת הכי אלא היכי אימא. א"ל לימא מר רחמנא ניגער ביה בשטן:

**כג** רבי חייא בר אשי הוה רגיל כל עידן דהוה נפיל על אפיה הוה אמר הרחמן יצילנו מיצה"ר. יומא הד שמעתינהו דביתהו אמרה מכדי הא כמה שני דפריש ליה מינאי מ"ט קאמר הכי יומא הדא הות קא גריס בגינתיה קשטה נפשה חלפה ותנייה קמיה אמר לה מאן את אמרה אנא חרותא דהדרי מיומא תבעה אמרה ליה אייתי ניהלי להך רומנא דריש צוציתא שוור אזל אייתה ניהלה כי אתא לביתיה הוה קא שגרא דביתהו תנורא סליק וקא יתיב בגויה אמרה ליה מאי האי אמר לה הכי והכי הוה מעשה אמרה ליה אנא הואי לא אשגח בה עד דיהבה ליה סימנא אמר לה אנא מיהא לאיסורא

אמה: כלומר כמו שקל: שמפיה דקא מרי פלימו קול גברא. השמיע (לאנשי ביתו) קול יוצא מבחוץ כאומרים פלימו קטל גברא: ערק. פלימו כסבור שבאים עליו מגשי המלך להרגו: טבא. נתכא: בבית הכסא. תוך לעיר: חזייה. בכון לפלימו דהמצער. מ"ט אמרת הכי. למה הזרגלת לקללני: אלא היכי אימא. להרוק מעלי בלא תתעולני: דפרים מיכלי. מחמת זקנה ומה יוצא מיצר הרע: קשטר נפשה. בתכשיטים בקשוטי נשים בשמים ותכרכשות: חלפה ותנייה קמיה. עברה לפניו ושבה פעם שניה: חנא חרותא. שם זונה ידועה בעיר: דהדרי מיומא. שהזהרי היום בלום: מיותא. ענף קטן שבגובה הדקל: שור. קפץ: וקא יתיב בגויה. להמית את עצמו: ליכה כפלם.

---

גיטאהן אונ האט אריין גיווארפען אין כוס זיינע שפייאכין. האט מען אויף אים אן געשריגען האט ער זיך גימאכט ווי א געשטארבען. דער ווייל האט דער שטן גימאכט אז פלימו האט גיהערט אקול פון דיא נאס מען זאגט פלימו האט גיהרגת אמענטש. איז פלימו אנטלאפין אונ האט זיך בעהאלטין אין בית הכסא ווארום ער האט מורא גיהאט מען זאל אים ניט הרגנן. איז דער שטן גיקומען צוא אים אין בית הכסא. אונ איז גיפאלען פאר אים אונ איז גישטארבען. פלימו האט גימיינט דאס איז איין אנדער מענטש וואס שטארבט פר אים. האט ער זיך נאך מער דער שראקן. ווי דער שטן האט גיזעהן אז פלימו הט אזוי פיל צער. האט ער זיך בעוויזען אז ער איז דר שטן. האט דער שטן גיזאגט צוא פלימו פאר וואס זאגסטו אזוי. פאר וואס פלוכסטו מיך. האט פלימו גיזאגט ווי דען זאל איך זאגין האט דער שטן גיזאגט צוא פלימו דוא זאלסט זאגין גאט זאל אן שרייען אויף דעם שטן:

**כג** רבי חייא בר אשי איז גיוועזן גיוואהנט ווען ער פלעגט פאלין אויף זיין פנים אונ האט גיזאגט תחנון. פלעגט ער זאגין גאט זאל מיך מציל זיין פון דעם יצר הרע. אמאהל האט דאס דיא ווייב זיינע גיהערט. האט דיא ווייב צו זיך אליין גיזאגט. ווייא פיל יאהרין ער איז שוין פון מיר אפ געשיידט. ווייל ער איז אלט. פאר וואס זאל ער אזוי זאגין. האט ער דען נאך מורא פאר דעם יצר הרע. אמאהל האט רבי חייא גילערנט אין גארטין האט דיא ווייב זיינע אן גיטאהן איהרע צירונג. אונ איז פאר בייא גיגאנגען פאר אים. אפאר מאל הין אונ צוריק. האט רבי חייא גיזאגט צו זיין ווייב ווער ביסטו. ער האט איר ניט דער קענט. האט זיא גיזאגט איך בין דיא זונה חרותא. איך בין היינט אהער גיקומען. האט רבי חייא איר גימאנט ער זאל מיט איר מזנה זיין: האט זיא גיזאגט צוא רבי חייא ברייננ מיר דעם צווייגיל וואס אויף דעם שפיץ בוים. האט רבי חייא אשפרונג גיטאהן אונ האט אפ געריסען דעם צווייגיל אונ האט איהר גיגעבין. אונ ער איז גיוועזן בייא איר. אונ ער האט גימיינט אז ער איז מזנה מיט דיא זונה. ווייא רבי חייא איז גיקומען אהיים האט ער גיזעהן ווייא זיין ווייב האט אוים גיהייצט אהויבין. איז ער אריין גיגאנגען אונ האט זיך גיזעצט אין הויבין. ער האט גיוואלט פארברענט ווערין אין הויבין. ווייל ער האט גימיינט ער האט גיטאהן א עבירה. האט דאס ווייב צו אים גיזאגט וואס איז מיט דיר גיוועזן וואס דו ווילסט פאר ברענט ווערין. האט ער איר דער ציילט וואס אים האט גיטראפין. האט דאס ווייב צוא אים גיזאגט דו האסט ניט מזנה גיוועזן. דיא אשה בין איך דאס גיוועזן. האט רבי חייא איר ניט גיוואלט גלויבין. ביז זיא האט אים גיגעבין אצייכין. האט רבי חייא גיזאגט איך האב דאך אבער גיוואלט מזנה זיין. אזוי לאנג ווייא רבי חייא האט גילעבט האט ער

גיהאט

איכווני כל ימיו של אותו צדיק היה מצטער עד שמת באותה מיתה דתניא (במדבר ל) אישה הפרם וה' יסלח לה במה הכתוב מדבר באשה שנדרה בנזיר ושמע בעלה והפר לה והיא לא ידעה שהפר לה בעלה והיתה שותה יין ומטמאה למתים:

צריכה סליחה: במה הכתוב מדבר. מאחר שהיא הפרה ומה שאכלה בהיתר אכלה ומה היא זו הסליחה: והיא שותה יין. מודה ולפ"ש בודאי כיון שהיה לאיסור מתכוונת צריכה סליחה: כל הדוויים. כל מי שיש להם לב לדוות ידוו על זה שאינו מתכוון ויש כאן כפילת עון: [לא סבר לה מר דמקדשה. אין אדוני יודע שהיא מקודשת ויש לו להרחק מאשת איש: הכל

**כד רבי** עקיבא כי הוה מטי להאי פסיקא הוה בכי אמר ומה מי שנתכוון לאכול בשר חזיר ועלה בידו בשר טלה אמרה תורה צריכה כפרה וסליחה מי שנתכוון לאכול בשר חזיר ועלה בידו בשר חזיר עאכ"ו ביוצא בדבר אתה אומר (ויקרא ה) (והוא לא) [ולא] ידע ואשם ונשא עונו כשהיה ר"ע מגיע לפסוק זה היה בוכה ומה מי שנתכוון לאכול שומן ועלה בידו חלב אמרה תורה והוא לא ידע ואשם ונשא עונו מי שנתכוון לאכול חלב ועלה בידו חלב עאכ"ו איסי בן יהודה אומר והוא לא ידע ואשם ונשא עונו על דבר זה ידוו כל הדוויים:

**בה רב** אחא בר אבא איקלע לבי רב חסדא התניה שקליה לבת ברתיה [אותבה] בכנפיה אמר ליה לא סבר לה מר דמקדשה א"ל עברת לך אדרב דאמר רב יהודה

---

גיהאט צער אויף דער זאך ביז ער איז געשטארבען. וואר-ום מיר האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק דער מאן האט פארשטערט דיא נדרים וועט גאט איר מוחל זיין. איז דאך א קשיא גאט האט דאך געזאגט אז דער מאן מעג פארשטערין אירע נדרים. האט זיא דאך ניט קיין עבירה אז זיא האלט ניט דעם נדר. צו וואס דארף זיא מען זאל איר מוחל זיין. ענטפערט דיא גמרא דער פסוק שמועסט אזוי. א אשה האט גיטאהן א נדר זיא זאל זיין א נזירה (זיא זאל ניט טרינקען וויין). דער מאן איז גיוועזן אין נאס. האט מען אים דער ציילט פון דעם נדר. האט דער מאן גיזאגט איך וויל ניט דעם נדר. דיא ווייב האט נאך ניט גיוואוסט אז דער מאן האט איר גישטערט דעם נדר. פון דעסטוועגין האט זיא גיטרונקען וויין און האט זיך מטמא גיוועזן צו מתים. אין אמת האט זיא דאס גיקענט טאהן. ווייל זיא האט אבער ניט גיוואוסט אז דער מאן האט איר גישטערט. איז זיא דאך גיגאנגען טאהן א עבירה. דריבער דארף זיא בעטין בייא גאט ער זאל איר מוחל זיין:

**כד** רבי עקיבא אז ער איז גיקומען צו דעם פסוק האט ער געוויינט. און ער האט גיזאגט מאדאך דער וואס האט גיוואלט עסין חזיר פלייש: און ער האט גיגעסין שעפסין פלייש. למשל עס איז גילעגען אשטיק פעטע פלייש. האט ער גימיינט דאס איז חזיר פלייש. האט ער דאס גיגעסין. און אין אמת איז דאס גיוועזן שעפסין פלייש. האט דיא תורה גיזאגט דער מענטש דארף תשובה טאהן. מען זאל אים פאר געבין דיא עבירה וואס ער האט גיטראכט צו טאהן. דער וואס האט גימיינט צו עסין חזיר פלייש און ער האט טאקי גיגעסין חזיר פלייש. וויא גרויס דארף זיין דיא תשובה זיינע. נאך אזוי אגלייכען זאגט דער פסוק ער האט ניט גיוואוסט און ער האט פארשולדיגט וועט ער לידין זיין זינד. אז רבי עקיבא איז געקומען צו דעם פסוק האט ער געוויינט. מאדאך דער וואס האט גיוואלט עסין שמאלץ. און ער האט גיגעסין חלב. האט דיא תורה גיזאגט ער האט ניט גיוואוסט און ער האט פארשולדיגט וועט ער לידין זיין זינד. דער וואס האט גיוואלט עסין חלב און ער האט גיגעסין חלב. געוויס וועט ער לידין זיין זינד. איסי בן יהודה זאגט עס שטייט אין פסוק ער האט ניט געוואוסט און ער האט פארשולדיגט וועט ער לידין זיין זינד. אויף דער זאך דארפין זיא טאהן א-לע הערצער אז מען טוהט א עבירה אומגערין זאל מען אויך לידין אשטראף:

**בה** רב אחא בר אבא איז אמאל גיקומען צוא זיין איידים רב חסדא. האט רב אחא גינומען זיין איניקעל. זיין טאכטערס טאכטער. און האט איר גיזעצט בייא זיך אויף דעם שויס.

האט

יהודה אמר רב ואיתימא רבי אלעזר אסור לאדם שיקדש את בתו כשהיא קטנה עד שתגדיל ותאמר בפלוני אני רוצה] מר נמי עבר ליה אדשמואל דאמר שמואל אין משתמשין באשה א"ל אנא כאידך דשמואל סבירא לי דאמר שמואל הכל לשם שמים ;

(דף פב) **כו משנה** רבי מאיר אומר לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה ויתפלל למי שהעושר והנכסים שלו שאין אומנות שאין בה עניות ועשירות שלא עניות מן האומנות ולא עשירות מן האומנות אלא הכל לפי זכותו (של אדם) ר"ש בן אלעזר אומר ראית מימיך חיה ועוף שיש להם אומנות ומתפרנסים שלא בצער והלא לא נבראו אלא לשמשני ואני נבראתי לשמש את קוני (ומה אלו שנבראו לשמשני הם מתפרנסים שלא בצער ואני שנבראתי לשמש את קוני) אינו דין שאתפרנס שלא בצער אלא שהרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי. אבא גוריון איש צידן אומר משום אבא גוריא לא ילמד אדם את בנו חמר גמל קדר ספן רועה וחנוני שאומנותן אומנות לסטים ר' יהודה אומר משמו החמרים רובם רשעים והגמלים רובם כשרים. הספנים רובם חסידים

נכס בתים. אלא דעתי אחריה לחיבת חיבות אלא לאחרים קדלנה ולעבות קורת רוח לאמה בבלאי מחבב את בתה :

וקלה וקלה. מפרש בגמ' ולא ילמד בלמו אומנות זו אינה מעברת אלא יבקש רחמים ממי שהעושר שלו : חמר גמל ספן קדר (בעלי קדרות) [בעלי קרמות] כל הגו הומנון לבטיות כשלגין בדרכים הם נכנסים ונוקטין עלים מן הכרמים ופרות ועוד מבכרים לאדם ומעבירין על הגלם : רועה. בהמות שלו במעבירין לרעות בשדות אחרים : חנוני. מלומד בתונאה להטיל מים ביין ולגזולה בחטין : משמו. כל אבא גוריא : החמרים רובן רשעים. משני לספיות : הגמלים רובן כשרים. שפורשים למדבריות למקום גדודי חיות ולסטים ויראים לנפשם ומשברים לבם למקום : הספנים רובן חסידים. שפורשין למקום

---

האט רב חסדא געזאגט צוא רב אחא וויכטי' דען ניט אז זיא איז מקודש צוא אמאן : איז זיא אשת איש. דארף מען זיך דער חיטעריין פון איר. האט רב אחא געזאגט צו רב חסדא דו האסט עובר געוועזן אויף דיא רייד פון רב. ווארום רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין. אנדערע זאגין רבי אלעזר האט געזאגט פון רבס וועגין. אמענטש טאר ניט מקדש זיין זיין טאכטער צוא אמאן ווען זיא איז נאך קליין. נאר ער מוז ווארטין ביז זיא וועט גרוים ווערין. אונ זיא וועט זאגין דעם מאן וויל איך. האט רב חסדא געזאגט צו רב אחא דו האסט אויך עובר געוועזן אויף דיא רייד פון שמואל. ווארום שמואל האט געזאגט מען טאר ניט אאשה זאל בעדינען אמאנספערזאן. האט רב אחא געזאגט איך האלט וויא דיא אנדערע רייד פון שמואל. וואס שמואל האט געזאגט אלין זאל מען טאהן פון גאטס וועגין. אונ איך האב אויך געטאהן פון גאטס וועגין. צוא ווייזין מיין טאכטער וויא ליב איך האב זיא פאר אירע פרומקייט. אונ איך האב ליב איהר טאכטער. ווייל געווים וועט דיא מוטער איר לערנען זיא זאל אויך זיין פרום ;

**כו** משנה. רבי מאיר זאגט אייביג זאל אמענטש לערנען זיין זוהן אריינע ארבעט אונ אגרינגע. אונ ער זאל בעטין צוא גאט וואס דיא רייכקייט אונ פארמעגין איז זיין. ער זאל אים בגליקען ווארום עס איז ניטא קיין ארבעט עס זאל אין איר ניט זיין ארעמקייט אונ רייכקייט. עס איז ניטא קיין ארעמקייט פון ארבעט. אונ עס איז ניטא קיין רייכקייט פון ארבעט. נאר אלץ וויא דער מענטש איז זוכה. רבי שמעון בן אלעזר זאגט האסטו אמאהל געזעהן אז חיות אונ עופות זאלין ארבעטין צוא פארדינען אויף זייער עסן. אונ זייא ווערין געשפייזט אן צער. זייא זענען דאך ניט מער בשאפין געווארין נאר מיך צו בדינען. אונ איך בין בשאפין געווארין צו בעדינען מיין בשעפער. איז דען ניט געווים אז איך דארף געשפייזט ווערין אן צער. נאר איך האב שלעכט געטאהן ועווינדיגט האב איך גיגזלת מיין פרנסה. אבא גוריון איש צידן האט געזאגט פון אבא גוריאס וועגין אמענטש זאל ניט לערנען זיין זוהן צוא זיין אפורמאן צוא פארין מיט איין אייזל אדער מיט צקעמיל. אונ ער זאל אים ניט לערנען זיין אטעפער. אונ ניט אשיפער. אונ ניט אפסטוך. אונ ניט אקרעמער. ווארום זייער ארבעט איז אגזלנישע ארבעט. רבי יהודה זאגט פון אבא גוריאס וועגין דיא וואס פארין מיט אייזלען זענען דאס מערסטע רשעים : אונ דיא וואס פארין מיט קעמלען זענען דאס מערסטע פרומע. דיא וואס פארין מיט

חסידים. טוב שברופאים לגיהנם והכשר שבטבחים שותפו של עמלק. רבי נהוראי אומר מניח אני כל אומניות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה שאדם אוכל משכרה בעה"ז והקרן קיימת לעה"ב ושאר כל אומניות אינן כן וכשאדם בא לידי חולי או לידי זקנה או לידי יסורין ואינו יכול לעסוק במלאכתו הרי הוא מת ברעב אבל התורה אינה כן אלא משמרתו מכל רע בנערותו ונותנת לו אחרית ותקוה בזקנותו בנערותו מהו אומר (ישעיה מ) וקוי ה' יחליפו כח בזקנותו מהו אומר (תהלי' צב) עוד ינובון בשיבה וכה"א באברהם אבינו (בראשי' כד) ואברהם זקן וגו' וה' ברך את אברהם בכל מצינו שעשה אברהם אבינו את כל התורה כולה עד שלא ניתנה שנאמר (שם כו) עקב אשר שמע אברהם בקולי וישמור משמרתי מצותי חקותי ותורותי:

**כז תנו רבנן** כל שעסקו עם הנשים סורו רע כגון הצורפים והסריקין והנקורות והרוכלין והגרדיים והספרים והכובסים והגרע והבלן והבורסקי אין מעמידין מהם לא מלך

בסכנה ותמיד הם בדרך יותר מן הגמלין: טוב שברופאים לגיהנם. אינו ירא מן החולי ומאכלו מאכל בריאים ואינו משבר לבו למקום ופעמים שהורג נפשות ויש בידו לרפאות העני ואינו מרפא: טוב שבטבחים. ספיקי טרפות באין לידו וחס על ממונו ומאכילן: אבל התורה אינה כן. שאף כשבא לידי זקנה או יסורין ואינו יכול לעסוק בה הוא אוכל ממתן שכרה דכתיב עוד ינובון בשיבה:

סורו רע. מנהגו רע קרבתו רעה להשתדל עמו שיבא כל אחד ובא לביתו: הצורפים. צורפי זהב שעושים לנשים צירים נזמים וטבעות: הסריקים: סורק בגדים לנשים פלוקיירד"א: הנקורות. מנקרי רחיים של יד שנשים טוחנות בהם כדתנן בכתובות אלו מלאכות שהאשה עושה לבעלה טוחנת ואופה ומרקין בריחיא דידא: והרוכלין. מוכרים קישוטי בשמים לנשים: והספרין. הנשים צריכות להם בשביל בניהם: והגרע. אומן המקיז דם ע"ש שמגרע את הדם: הבורסקי. מעבד להם עורות לנאד ולנעל:

---

שיפען זענען דם מערסטע חסידים. דער דאקטאר וואס זאגט אויף זיך אז ער איז דער בעסטער און איז זיך ניט מישב מיט אנדערע דאקטורים. קען זיין ער זאל אטעות האבען און געבען שלעכטע מעדיצין וועט דער מענטש שטארבין. דריבער) וועט ער זיין אין גיהנם (מהרש"א). און דער פרומסטער פון די קצבים. איז א שותף פון עמלק וואס הייסט ער איז אזוי שלעכט ווי עמלק. רבי נהוראי זאגט איך לאז אוועק אלע מלאכות פון דער וועלט. און איך וויל ניט מער לערנען מיין זוהן נאר תורה. ווייל דער מענטש עסט פון איר שכר אויף די וועלט. און דער קרן (דער הויפט שכר) בלייבט אים צוא עולם הבא. אבער אנדערע מלאכות זענען ניט אזוי. אז א מענטש קומט צוא א קראנקייט. אדער צוא דער עלטער. אדער ער האט יסורים. און ער קען ניט ארבעטין. שטארבט ער פאר הונגער. אבער די תורה איז ניט אזוי. זי היט אים פון אלעם שלעכטין אין זיין יוגענד. און זיא גיט אים א גוטען סוף און א גוטע האפענונג אין זיין עלטער. אין זיין יוגענד וואס זאגט דער נביא אויף אים: די וואס האפען צוא גאט וועלין אום טאהשין זייערע כוחות. אין זיין עלטער וואס זאגט דוד המלך אויף אים. זייא וועלין נאך פרוכטבאר זיין אויף זייער עלטער. און אזוי זאגט די תורה אויף אברהם אבינו. אברהם איז אלט געווארין. און גאט האט געבענטשט אברהם מיט אלץ. מיר געפינען אז אברהם האט מקיים געווען די גאנצע תורה איידער זי איז געגעבין געווארין: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווייל אברהם האט געהערט מיין קול און ער האט געהיט וואס איך האב געהייסען היטען. מיין געבאט און מיינע געזעץ און מיינע לערנונג:

**כז** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט דער מענטש וואס זיין האנדיל איז מיט ווייבער. איז זיין פירונג ניט גוט. נאלד שמידען וואס זייא מאכען ווייבערשע צירונג. און די וואס קעמען און פוצען ווייבערשע קליידער. און די וואס מאכען און פאריכטען אז עס קערט קאליע קליינע מידלשטיינער וואס ווייבער מאהלין מיט זייא אין דער היים. און די וואס פארקויפען בשמים צוא ווייבער זיי זאלין זיך מיט דעם צירען. און וועבערס וואס וועבין ווייבערשע קליידער. און שערערס. וואס ווייבער ברייננגען זייערע קליינע קינדער ער זאל זיי אפ שערין. און די וואס וואשין ווייבערשע וועש. און דער דאקטאר וואס עפענט אאדער צוא בלוט לאזין. און אבעדער. און אגארבער. פון די מענטשין מאכט מען ניט קיין מלך. און ניט קיין כהן גדול

מלך ולא כ"ג מ"ט לאו משום דפסולי אלא משום דזיל אומנותייהו . ת"ר עשרה דברים נאמרו בגרע מהלך על צדו ורוחו גסה ונתלה יושב (ואינו יושב) ועינו צרה ועינו רעה אוכל הרבה ומוציא קמעא וחשוד על העריות ועל הגזל ועל שפיכות דמים :

**כח תניא** רבי אומר אין לך אומנות שעוברת מן העולם אשרי מי שרואה את הוריו באומנות מעולה אוי לו למי שרואה את הוריו באומנות פגומה אי אפשר לעולם בלא בשם ובלא בורסקי אשרי מי שאומנתו בשם ואוי לו למי שאומנתו בורסקי א"א לעולם בלא זכרים ובלא נקבות אשרי מי שבניו זכרים ואוי לו למי שבניו נקבות . ר"מ אומר לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה ויבקש רחמים למי שהעושר והנכסים שלו שאין עניות מן האומנות ולא עשירות מן האומנות אלא למי שהעושר שלו שנאמר (חגי ב) לי הככף ולי הזהב אמר ה' צבאות :

רשב"א

ובגרע. מהמם מרתאות : מהלך על צדו ורוחו גסה ונתלה יושב (ואינו יושב) . בלשון הימי גאוה אבל אין זה דומה לזו ובכולן הוא חלוק ממדת הכשרים שהוא יושב ואינו יושב אא"כ נסמך או נאחוריו או על מי דרך גאוה ובני מגביות מוכרין נפשם לידו שהוא מתגאה : ועינו צרה . בממונו ובהוצאה כלום מפני שהוא מלומד לאכול אלא כמין זין ואינו מלומד בהוצאה : ועינו רעה . מתן עיניו על הבריות שיתלו ויהיו צריכים לו : אוכל הרבה . שמלומד לאכול עם כמה אנשים בכל יום : ומוציא קימעה . מתוך שמהלכו יפה בנאם נקי ובשר במין שממעטין את הזבל באדם מכין לכעידה הקה שאכל בריאה : וחשוד על העריות . מתוך שהנשים צריכות לו ועסקו עמהן : ועל הגזל . שהנשים גוזלות מבעליהן ונותנות לו : ועל שפיכות דמים . זימנין דשפיך ליה נדמה לפהות מרביעית : שעוברת מן העולם שבטילה מן העולם בין שהיא נקיה בין שהיא מאוסה יש בה צורך ואם לא ילמדנה זה ילמדנה אחר . (ומ"מ) אשרי מי שרואה את הוריו . ילדיו ולא ילדיו באומנות נקיה : בשם . מוכר בשמים :

לבי

גדול . נישט ווייל זיא זענען פסול . נאר ווייל זייער ארבעט איז זייער פראסט . תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט צעהן זאכען איז גזאגט גיווארין ביי דעם דאקטאר וואס לאזט בלוט פון אאדער . ער גייט דיא היטעל אויף אזייט מיט גרויסקייט . אונ ער איז גרויס ביי זיך . אז ער זיצט אויף אשטוהל . זיצט ער אן גילענט . אויף אזייט אדער אויף איינטען . אונ ער איז קארג ער פארגינט ניט אוים צוא געבין אויף זיך פון זיין געלט . ער וויל נאר עסין אונ טרינקען פון פרעמדע . אונ ער איז שלעכט אויף אלע מענטשין . ער וויל אלע זאלין קראנק זיין וועט ער פאר דינען . ער עסט פיל . אונ גייט ווייניג ארוים . ווייל ער עסט זייער איידעלע עסין איז דא ווייניג צואה . אונ ער איז חשוד ער זאל מזנה זיין מיט דיא ווייבער וואס קומען צוא אים ער זאל זיא היילין : אונ דיא ווייבער גזלען ביי זייערע מאנען אונ ברענגען צוא אים . אונ ער נעמט צו ביי זיא . איז ער דאך דער גזלן . אונ ער איז חשוד צו הרגנן אמענטשין . ער צאפט אמאהל אפ צו פיל בלוט . שטארבט יענער :

**כח** תניא . מיר האבען גילערנט רבי זאגט עס איז ניטא אארבעט זיא זאל אוועק גיין פון דער וועלט . אלע ערליי ארבעט מוזין גיטאהן ווערין אויף דער וועלט . וואוהל צו דעם קינד וואס ער זעהט זיינע עלטערין האבען אשיינע ארבעט . אונ ער לערנט זיא אויך . וויי צוא דעם קינד וואס ער זעהט זיינע עלטערין האבען אמיאוסה ארבעט . אונ ער מוז אויך לערנען דיא ארבעט . דיא וועלט קען ניט זיין אן אבשמים הענדלער . אונ זיא קען ניט זיין אן אגרבר . וואוהל צו דעם וואס האנדילט מיט בשמים . זיין האנדיל שמעקט . וויי צוא דעם וואס איז אגארבער . זיין ארבעט שטינקט . דיא וועלט קען ניט זיין אן זכרים אונ אן נקבות . וואוהל צוא דעם וואס זיינע קינדער זענען זכרים . וויי צוא דעם וואס זיינע קינדער זענען נקבות . רבי מאיר זאגט אייביג זאל אמענטש לערנען זיין זוהן אריינע מלאכה אונ אגרינגע . אונ ער זאל בעטין ביי גאט וואס דיא רייכקייט אונ פאר מעגין איז אין זיין האנט . ער זאל אים רייך מאכען . ווארום פון אמלאכה קען מען ניט ארעם ווערין . אונ פון אמלאכה קען מען ניט רייך ווערין . אויף רייכקייט מוז מען נאר בעטין צוא דעם וואס דיא רייכקייט איז זיינע . אזוי וויא עס-שטייט אין פסוק צוא מיר איז דיא זילבער צו מיר איז די גאלד האט גאט גזאגט :

תניא

**כט פיסקא** רשב"א אומר ראית מימיך וכו' . תניא רשב"א אומר מימי לא ראיתי צבי קייץ וארי סבל ושועל חנוני והם מתפרנסים שלא בצער והם לא נבראו אלא לשמשני ואני נבראתי לשמש את קוני . ומה אלו שלא נבראו אלא לשמשני מתפרנסים שלא בצער אני שנבראתי לשמש את קוני אינו דין שאתפרנס שלא בצער אלא שהרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי שנאמר (ירמיה ה) עונותיכם הטו אלה וגו' :

**ל פיסקא** ר' נהוראי אומר מניח אני כל אומנות וכו' . תניא ר' נהוראי אומר מניח אני כל אומנות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה שכל אומניות שבעולם אין עומדות לו אלא בימי ילדותו אבל בימי זקנותו הרי הוא מוטל ברעב אבל תורה אינו כן עומדת לו לאדם בעת ילדותו ונותנת לו אחרית ותקוה בעת זקנותו בעת ילדותו מה הוא אומר (ישעיה מ) וקוי ה' יחליפו כח יעלו אבר כנשרים בזקנותו מהו אומר (תהלים צב) עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו :

לבי קיין: מיינס קיעות בשדה: סבל. סבא מבאות : כל אומנות . אין להם מתן שכרן לאחר זמן אלא שכר המלוי יהם בעוקן אבל תורה מתן שכרה בה מגלוין לאורך ימים ואף לחולה ולזקן שאינו יכול לעסוק בה עכשיו אוכל מן הקודמת : בנה' עוד ינובון בשיבה. יעמדו נאה ויהיה שכרן לעת שיבתן דשנים ורעננים יהיו :

## סליק סדר נשים

---

**כט** פיסקא . תניא : מיר האבען געלערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט איך האב קיין מאהל נים געזעהן אהערש זאל טרייקענען פייגען אין פעלד . אדער אלייב זאל טראגין אמשא צו פאר דינען אויף זיין עסין . אדער אפוקס זאל זיין אקרעמער . פון דעסטוועגין האבען זייא פרנסה אן צער . זייא זענען דאך נים מער באשאפען געווארין נאר מיך צוא בדינען . אונ איך בין באשאפען געווארין צוא דינען גאט . מאדאך אלע באשעפענעש וואס אוף דער וועלט וואס זיי זענען נים מער באשאפען געווארין נאך מיך צוא בדינען ווערין געשפייזט אן צער . איך וואס איך בין באשאפען געווארין צוא דינען גאט . איז דען נים געוויס אז עס דארף זיין איך זאל געשפייזט ווערין אן צער . נאר ווייל איך האב געזינדיגט הט מען פון מיר אוועק גענומען מיין פרנסה . אזו ווייא עס שטייט אין פסוק אייערע זינד האבען אייך דאס גיטאהן וואס מען האט פאר מיטען פון אייך דעם רעגין :

**ל** פיסקא . רבי נהוראי זאגט איך לאז אוועק אלע מלאכות פון דער וועלט . אונ איך לערין מיין זוהן קיין מלאכה . נאר תורה לערין איך אים . ווארום אלע מלאכות קענען נאר געבין אמענטשין ברויט ווען ער איז אין דער יוגענד . ווען ער האט כח צו ארבעטין . אבער אויף דער עלטער ווען ער האט שוין נים קיין כח צו ארבעטין . שטארבט ער פאר הונגער . אבער דיא תורה איז נים אזוי . זיא גיט דעם מענטשין פרנסה אין דער יוגענד ווען ער לערונט ער זאל קענען לערנען . אונ זיא גיט אים פרנסה אין דיא לעצטע יאהרין אויף זיין עלטער . פון דיא תורה וואס ער האט געלערנט אין זיין יוגענד : האט ער פרנסה אין זיינע אלטע יאהרין . אויף זיינע יונגע יאהרין האט ישעיה הנביא גיזאגט דיא וואס האפין צו גאט ואונ זוכין נים קיין פרנסה נאר זייא לערנען תורה ווערין אוםמאהשין אלע מאהל פרישע אונ נייעו כחות זייא וועלין נים מיד ווערין : אונ זייא וועלין גרוים אונ דער הייכט ווערין . אזוי הויך ווייא דער אדלער גייט אויף מיט זיינע פליגעל . אונ אויף זיינע אלטע יאהרין האט דוד המלך גיזאגט . זייא וועלין נאך פרוכטבאר זיין אויף דער עלטער . אונ זייא וועלין זיין פעט אונ גרוינ באפטיג :

## זה המאמר שייך לדף קצר

סה"ף . גלית שעמד בגילוי פנים לפני המקום אפשר שהוא על פי שיש לרמז דבריו של גלית שהם כנגד להקב"ה כי אמר שאינו ירא כי אם מפני ה' אלהים ולו"א ברו לכם כתיב לכם איש מלחמה שאם הוא יכא להלחם כאלו ירד אלי משמע עלי שהוא יעבר אבל שוא תשועת אדם כי איני ירא מבני אדם אבל מ"מ עמד בגילוי פנים לפני המקום לומר ברו לכם איש מלחמה שקרא להקב"ה איש ולכך אמר הקב"ה הריני מפילו ביד בן איש שהוא איש הושע מבני אדם גם כי איש הריף מפילו ביד מי שעדיין לא יצא לו שם בפני עצמו והוא נתלה בשם אבותיו שהוא ספל לאבותיו דוד בן איש אפרתי דוד נמי קאמר אתה בא אלי בחרב וגו' ואנכי בא אליך וכו' . קשה כיון דגלית נמי אמר ואם אני אוכל והכיתיו ואפילו הכי אמרינן דלכדו פיו הוא"ל ופתיחת פיו היתה לרעתו אם יבא אלי והכי אם כן גם דוד פתח פיו לרעה ואמר אתה בא אלי ואף על גב דסדר ואמר ואנכי בא אליך מכל מקום פתיחת פיו לרעתו היתה . ורש"י ז"ל פירש ואין זו פתיחת פיו לרעה דהא"ל אתה בא למזול כי ע"י דבר שאין בו ממש ואני בא למזול בשם שהכנתותו שלו ומ"מ לא הייתה כי עדיין מה שפתח תחלה ואמר אתה בא אלי ולמהורש"ל לומר דלים דומה פתיחת פיו של גלית שגבר נכשל שני פעמים בלשונו וגם הפלשתים היה מכשול לפיו בפתח ברעתו אבל לדוד שלא נכשל בלשונו פעם אחת אין נחוש על פתיחת פיו שאמר אתה בא אלי והנכון הוא שבדברי גלית הם ב' חלוקות הא' אם יבא אלי והכה וכו' ואם אני אוכל והכיתיו ופתח ברעתו כי פיו הכשילו אבל דברי דוד אינם שתי חלוקות לומר שפתח ברעתו אלא הכל הוא חלוקה אחת שהוא בא בכח אדם ואני בא בשם ה' צבאות : ועוד רמזו כי הוא בא בכח ברכתו של עשו ועל חרבך תחיה דהיינו אתה בא בחרב ואני בא בירושתו של יעקב אבינו שהיא בתפלה בשם ה' צבאות ועוד רמזו כי הברך אשר אתה בא אלי היא תכרע ממך בשם ה' צבאות כי נהרגו של גלית הרגו דוד בגלית : כדי לבטלם מק"ש . הכוונה לפי שאמרו רז"ל לעיל על פסוק ואמר אליהם שמע ישראל אפילו לא קיימתם אלא קריאת שמע שחרית וערבית אין אתם נמסרים בידם . ולזה נתכוין הרשע הזה לבטל את ישראל מקריאת שמע שהיא מקרא בשכבך ובקומך והוא בשכב ובערב שחרית וערבית כי מתוך ביטול קריאת שמע לא יהיה להם תקומה . והיינו ארבעים יום כנגד ארבעים יום שנתנה בהם התורה נראה דכיון שקבלו ארבעים יום שנתנה בהם התורה שוב לא היה קיום והתייצבות לגלית אלא והיצב גלית במגנו כל אותם הארבעים יום שעדיין לא נענו כדי שיהיה לישראל קבלת התורה אבל כיון שנגמרו ירד גלית למטה לארץ ומגנו יהדפוהו לפי שעמד להם לישראל זכות קבלת התורה שקיבלו לאחר מ' יום : עוד אפשר שרצה גלית לבטל לישראל ארבעים יום מעסק התורה כי בהיותם עומדים ודואגים ממנו לא היו לומדים תורה כי אמר גלית כל זמן שהם עוסקים בתורה אינו יכול להם ויש בידם זכות ארבעים יום של קבלת התורה לכך צריך לבטל ארבעים יום כדי להיות הזכות שבידם מארבעים יום נקבעים בתורה ועתה נתבטלו ממנה ארבעים יום ולא ערך כנגדם במלחמה :

## סליק סדר נשים